שנה ג'
נומער 160
**פרשת בשלח**
תשפ"ג

# קרית ברסלב



## יארצייט פון אונזער רבי
# מוהרא"ש
## זכותו יגן עלינו
## י"ז שבט

**הילולא קדישא:**
מוהרא"ש זי"ע

**דורך די ברסלב'ע ברילן:**
מיין לעקיניע און פאלם ספרינגס

**א סעודה מיט'ן ראש ישיבה שליט"א:**
אלע דיינים און רבנים זאלסטו ברענגען צום רבי'ן



קרית ברסלב מצה בעקעריי
עפענט בעזרת השם צום צווייטן יאר

דורך די ברסלב'ע בריל
מיין לעקציע אין פאלם ספרינגס
6



שטעטל נייעס
מצות באקן גייט אט אריין אין שוואונג בעזרת השם
8



היכל הקודש נייעס
הכנות צו אומן ראש השנה תשפ"ד
9



מיט א טיפערן בליק
מידלייף קרייסעס
18



הילולא קדישא
יארצייט פון מוהרא"ש זי"ע חלק ב'
16



גראמען
מיט אדער אן א צדיק
29




# קרית ברסלב בלעטל


רעדאקציע:

מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, הערשל לויפער, אברהם יצחק אייזנער, יחזקאל שרגא שארף, שמואל בער שניטצלער

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomiy@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169


## זמנים Liberty
בשלח י"ג שבט תשפ"ג

הדלקת הנרות.........04:58
מוצאי שבת ............06:30

מנחה מעריב יתרו ... 06:15

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 03 | 18°/-8° | | Partly Cloudy |
| Sat 04 | 14°/9° | | Mostly Sunny |
| Sun 05 | 34°/23° | | PM Snow Showers |
| Mon 06 | 33°/22° | | Mostly Sunny |
| Tue 07 | 39°/31° | | Partly Cloudy |
| Wed 08 | 38°/25° | | AM Rain/Snow |
| Thu 09 | 34°/25° | | Snow Showers |
| Fri 10 | 35°/24° | | Snow |




## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר אונזער חשובער מנהל

**מו"ה מרדכי אינדיג הי"ו**

**צו די חתונה פון א טאכטער עב"ג מו"ה**

**נחמן נײשטיין הי"ו למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

# רענט קאמפיין

## רעזערווירט דעם דאטום

**מסיבת הכרת הטוב מוצאי שבת תרומה אין ישיבה 27 סקילמאן**




# צום פינטל

## דער לויפט א וואנזיניגער

וואס איז די מעשה מיט דעם טראמפ שוין ווייטער?

דער האט טאקע נישט וואס צו טון?

דער האט נאכנישט גענוג קלעפ געכאפט?

דער פלאנט טאקע צו לויפן נאכאמאל ביי די פרעזידענדליכע וואלן פארמעסט אום צוויי טויזנט פיר און צוואנציג?

ער לויפט...! פשי...!

**נע, שרייב נישט קעגן טראמפ, קענסט נישט וויסן, עס זענען דא מענטשן וואס קענען נתרחק ווערן אז דו רעדסט קעגן טראמפ.**

**אז דו האלטסט נישט פון אים מיינט נישט אז ער איז נישט גוט, למעשה פלאנט ער צו ענדיגן אלע זאכן וואס ער האט אנגעהויבן ווען ער איז געווען אויפן בענקל, ער גייט אראפברענגען די פרייז פון א דאזן אייער... ער גייט ענדיגן די קריג צווישן רוסלאנד און אוקריינא... ענק ברסלב'ע וועלן אויך הנאה האבן אז ער וועט זיין פרעזידענט, מען וועט שוין קענען פארן געהעריג קיין אומאן, ער גייט בויען א וואנט... מעקסיקא גייט באצאלן דערפאר, און...**

נע שטותים דער איז דאך אזא...

**איך מיין עס אמת'דיג, אז דו ווילסט ארויסברענגען א פוינט מיינט נישט אז דו מעגסט זיך בויען אויף יענעם, יעדער האט זיין וועג פון טראכטן, דו מאכסט א שלעכטע נאמען פאר ברסלב. קודם כל איינער וואס האלט פון טראמפ און ליינט דיין ארטיקל קען זיך זייער באליידיגן און אפמאכן אז ברסלב איז נישט פאר אים, צווייטענס עס מאכט עס אויסזען אז ברסלב האט גארנישט צו פארקויפן מען מוז זיך אלץ בויען אויף יענעם...**

פיין איז נישט טראמפ, וועם יא? פון ביידן מעג מען שרייבן?

**הע! דער ביידן... דער איז דאך אינגאנצן נישט... הע ס'איז דען דא עפעס וואס מען קען שרייבן פון ביידן?**

אה הייסט, דאס וואס מען טאר זיך נישט בויען אויף יענעם איז נאר ווען עס איז נוגע פאר דיר, ווי זאגט ער, ווען מען בארעדט זיין חסידות, ער ציט זיך ארויף אזא ערנסטע מינע אויפן פנים: "וואס דארף מען רעדן פון א צווייטן מען קען דאך רעדן פון א דריטן..." ביידן האט דאך אויך שטיצערס וואס קענען נתרחק ווערן, ניין?

**פיין! שרייב וואס דו ווילסט, אבער וואס דארפסטו אלעמאל פליקן, אז דו שרייבסט אין א אויסגאבע דארפסטו אכטונג געבן נישט צו פליקן א צווייטן.**

אהא! איך האב עס געכאפט, סאו איך מעג ארויסברענגען א פוינט, אויפן תנאי אז עס האט נישט קיין מענטשן אינוואלווד, איך הער, איך הער, פיין! דו האסט א פינטל. ארויסברענגען א פינטל אן קיין מענטשן אינוואלווד! יא?

שוין! געווען אמאל א קעניג ער'ט געוועלטיגט אויף... אמממ... ליינער! איך מעג זאגן די נאמען פון דעם לאנד אויף ווי ער האט געקעניגט? מ'העט דאך גראד כאפן פון וועמען מ'רעדט... עס הייסט זיך געבויט אויף יענעם? מ'האט געשמועסט אז מען שרייבט אן קיין נעמען, נו! איז אן נעמען. איז דער קעניג האט געוועלטיגט אויף איינע פון די לענדער פון אפריקע, ווייסטו וואס, ער איז געווען קעניג אויף עגיפטן, דער עגיפטישער קעניג.

דער קעניג האט פארקנעכטעט אונטער זיך א פאלק, איך וויל

נישט אריינגיין אין קיין פרטים, ווייסט נאך באלד שרייען אז איך בוי מיך אויף יענעם, אבער עס איז געווען זייער נישט שיין פון זיין זייט צו טון אזא זאך, נעמען מענטשן און זיי פארקנעכטן, איך מיין... אפשר זאלן זיי דיך האלטן פאר א קנעכט...

בקיצור דער קעניג מיט זיין גאנצע פאלק האט טאקע זייער מיאוס אפגעשניטן. דער געשעפט האט זיך אים ווייט נישט געלוינט, דער אייבערשטער האט אים געשיקט צוויי אויסדערוועלטע אידישע נביאים צדיקים, זיי האבן דעם מלך געווארענט איין מאל און נאכאמאל, אבער ס'איז געפאלן אויף טויבע אויערן.

בקיצור נאכן אריינכאפן כמו שכתוב, ממש כמו שכתוב... דער אייבערשטער האט דערמאלאזירט זיין לאנד, קענסטיך נישט פארשטעלן אין וואסערע כאאס די קנעכט האבן איבערגעלאזט דאס לאנד אונטער זיך ביים פארלאזן דאס לאנד, דער פרעה האט ענדליך ארויסגעלאזט די אידן פון מצרים, מצרים האט געליטן פון דם צפרדע כינים ערוב דבר בקיצור א דצ"ך עד"ש באח"ב אויף א נעקסט לעוועל... אזוינס וואס מען זעט נישט, די מעכטיגע שפרודלדיגע מצרים איז געווארן אין רעלאטיוו א קורצער צייט אויס לאנד, אויס אינגאנצן, פון א בליענדיגע לאנד מיט די בעסטע עקאנאמיע איז עס געווארן ממש א דריטע וועלט לאנד, צוהאקט און צוזעצט אן קיין שום אויסזיכט פון ווידער אויפבוי.

נאך צען ביטערע מכות, די צושאסענע מצריים האבן אפגעאטעמט פון די קנעכט, ענדליך איז מען פטור געווארן פון די אנשיקענישן.

טראכט!

שוין, די **בלוט** האט אפשר נישט אזוי געפערליך אונטערגעבערענגט דאס לאנד, פרייזן פון פיש זענען העכסטנס ארויפגעטריבן געווארן, אבער עס איז געווען אויף אויסצוהאלטן.

**צפרדע** אויך... עס האט איבערגעלאזט דא דארטן פינגער אפדרוקן אין לאנד... א שטייגער, די אלע געבעקסן וואס האבן געהאט פראש באשטאנדטיילן האט מען אין די בעקערייען געברויכט פארקויפן פאר חצי בחינם... נו ס'עט נאך מיטגיין.

**כינים**, מען האט זיך געקראצט און געקראצט, בקיצור ווער עס האט זיך נישט געקענט ביז דעמאלטס געהעריג באקראצן האט זיך פיין אויסגעלערנט דער פאך.

אבער טראכט א רגע, טראכט פון **ערוב**, דער ערוב האט דאך איבערגעלאזט גאנצעטע שטובער אינגאנצן צעפראסקעט, דא האט געפעלט א טאטע דא האט געפעלט א מאמע, דא האבן די חיות פארציקט ביידע, דעם האט פשוט געפעלט א האנט און יענעם פשוט א פיס, בקיצור אביסל צעקאליעטשט זענען זיי געבליבן נאך ערוב.

אבער נישט אזוי געפערליך ווי דאס וואס דער **דבר** האט איבערגעלאזט, חורבן, מורבן ממש... שטעל דיך פאר חס ושלום אין די פאראייניגטע שטאטן, יעדע קאר, באס, טראק, באן, מאטער סייקל, צו סתם א בייק'ל... אקיצור יעדע טראנספארטאציע מיטל וואס איז פארקירט אויף נישט א ריכטיגע פלאץ, די מאטאר ווערט אונטער א טאג צוויי ארויסגעדרייט, די גאנצע לאנד געפינט זיך מיט מאטארלאזע קאר'ן. און קיין קאר קען מען דאך נישט אנקומען צו דער'ארבעט, נו, יעדער בלייבט אינדערהיים, אפילו הירא והחדר את דבר השם, דער יעקישער מצרי וואס אים גייט גארנישט אן, גייט ערליך צו דער ארבעט יעדן טאג נישט קיין חילוק קאראנא, דבר, אים אינטערעסירט נישט, ער האט דאך נישט קיין וועג אנצוקומען צום ארבעטס פלאץ, ער שפאצירט צום ארבעט און קומט שוין אן נאכן ארבעטס טאג. עס איז נישט דא קיין תבואה, קיין אינפארט קיין עקספארט.

**שחין** קען איך מיך נישט אויס אזוי שטארק, איך גלייב אז עס איז מער פון זיך נאר קראצן, אבער **ברד ארבע** האבן דאך איבערגעלאזט דאס לאנד אויסגעהונגערט מען זאל נישט געפראוווט ווערן, א לאנד פון מיליאנען מענטשן אן קיין עסן.

מען האלט אינמיטן לויפן זוכן עפעס אין מויל צונעמען ווען עס באפאלט א בלעק פריידעי, א **חושך** ענן וערפל, אז איינער טאנצט בלייבט ער אין די לופטן, בקיצור כאאס.

און די טשערי אן טאפ **מכת בכורות**, האלב מצרים זענען געווען בכורים, דער פון זיווג ראשון, דער פון זיווג שני, זיווג שלישי, און דער א בכור סתם פון א פילגש, דער פון א דינסט, בקיצור א לאנד פון שמוץ א לאנד פון בכורים, היסטאריקער שפעקולירן אז אין א נארמאלע יאר איז ערב פסח תענית בכורים געווען ממש א אינטערנאציאנאלע חאגע...

ענדליך, די מצריים דאס

שארית הפליטה, ווער עס האט איבערגעלעבט די צען מכות, האבן ענדליך אפגעאטעמט פון די פרייהייט, אה! ענדליך די קנעכט האבן פארלאזט דאס לאנד, מען קען שוין טראכטן פון א נייע התחלה, מען קען טראכטן פון צוריקברענגען אביסל נארמאלקייט צום לאנד.

וואס איז די מעשה מיט דעם פרעה?

דער האט טאקע נישט וואס צו טון?

דער האט טאקע נאכנישט גענוג קלעפ געכאפט?

דער פלאנט נאך צו לויפן, ארויסלויפן, דעריאגן די אידן ממש צוריקברענגען דאס גליק אין לאנד...

ער לויפט... ער לויפט...

ווי לויפסטו פרעה? הטרם תדע כי אבדה מצרים? וואס? דו דארפסט צוריק די אידן זאלן דיר פלאך מאכן וואס עס איז נאך יא געבליבן?

וואס איז די מעשה דא?

פארשטיי גוט, דער פרעה איז פארוואנדלט געווארן אין א ראבאטישע שפילצייג, במשך די גאנצע צייט זינט משה און אהרן האבן דאס ערשטע מאל איבערגעטרעטן דעם שוועל פון פרעה׳ס פאלאץ. אלעס וואס ער האט געטון פון דאן און ווייטער, איז געווען ווי א טשיפ וואס דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט אין זיין מח, ער איז קאנטראלירט געווארן פאר אין איינציגע סיבה, כדי אונז אידישע פאלק זאלן זיך לערנען א לעקציע לדורות עולם, מדור דור טוען מיר זיך צופלאמען ביי יעדער מצוה, אוי אוי זכר ליציאת מצרים...!

**למען שיתי אותותי אלה בקרבו, יא יא למען תספר באזני בנך,** יעדע איינציגע זאך האט מיט פרעה קיין שום שייכות נישט געהאט, אלעס וואס ער האט געטון איז בלויז א מיטל צום למען תספר באזני בנך לדורות עולם.

אין די היינטיגע ליבעראלע חינוך וואלט מען נישט טאלערירט אזא מין דיסקרימינאציע, אזוי זיך בויען אויף יענעם, אבער ברוך השם, **זאת התורה לא תהא מוחלפת,** דער אייבערשטער איז דער בעלעבאס און ער מאכט אפ ווער עס בויעט זיך ווען אויף וועם, און פארוואס? ווייל! ווייל! דאס איז די תורת משה וואס האט זיך נישט געטוישט, אפילו מען האט עס פארברענט, מען האט עס פרובירט צו פארבייטן, אבער גאט האט געוואלט און אויסגעפירט, און אונז געגעבן א תורה פון ווי מיר זאלן זיך דערפון לערנען, און נישט א תורה וואס מיר וועלן צופאסן צו אונזערע פארפוילטע מוחות.

איז לאמיר אפלערנען דער רעטאריק פונעם ראבאטישער פרעה, וואס נאכן ווערן צושמעטערט אינגאנצן, איז ער אויסן ווייטער נאכצויאגן און ווילן צוריקברענגען דאס פאלק וואס האט אים צוטרעטן זיין לאנד.

דער אייבערשטער געבט די תורה פאר אידישע קינדער, וואס איז דער גאראנט"י, ווי אזוי וויסן מיר אז מיר אידישע קינדער גייען נישט ארויס׳טשיקענ׳ען ווען מיר וועלן זיין אונטער פייער.

אה! **ויהי בשלח פרעה,** עס איז נישט דא קיין חשבון, עס איז נישט דא קיין מח, מען גייט, מען לויפט, עס איז דא איין זאך עקשנות, מיר ווערסטו נישט געווינען, דאס לויפן פון פרעה דאס איז ווי א הכנה צו פרשת יתרו צום קבלת התורה, אז ווען א איד וועט זען אז **אנוכי השם אלוקיך ולא יהי** לך איז צוטרעטן געווארן ביי אים, עשר מכות האט ער שוין געכאפט אויף **זכור, שמור, כבד, לא תרצח, לא תנאף, לא תחמוד,** עס איז אויס ער איז נישט דא קיים שום זין אז איך זאל זיך נאכאמאל נעמען צום קבלת התורה, עס איז אויס, דערמאן זיך פון פרעה, דערמאן זיך פון צען מכות וואס דער האט אריינגעכאפט און... כאילו נישט אים מיינט מען, מיט א פרישקייט לויפט ער צוריקצוכאפן די אידן קיין מצרים, אה! אז איר האט דאס בילד פאר די אויגן, יעצט קענט איר שוין נעמען די תורה, קיין שום בייזע ווינט וועט אייך נישט קענען אוועקנעמען, געדענק זכר ליציאת מצרים, דיין תורה דיין דאוונען דיין תפילין דיינע מצוות זענען צוקלאפט, זענען מכת בכורות, איך ווייס פון גארנישט איך לויף...

**וואס איז די מעשה מיט דעם איד שוין ווייטער?**

**זאג? האסט טאקע נישט וואס צו טון?**

**האסט נאך נישט גענוג קלעפ געכאפט?**

**דו פלאנסט טאקע צו לויפן נאכאמאל? דו גייסט נאכאמאל פרובירן אנצוהייבן?**

**ער לויפט...! פשי...!**

יא! עס איז דא א לימוד פאר מיר, עקשנות, קאפ אין וואנט, יא איך לויף, אבער איך לויף. ווי לויפסטו, איך לויף צוריק צום אייבערשטן!

**הוי ויהי בשלח פרעה!**

# דורך די ברסלב'ע ברילן





# מיין לעקציע אין פאלם ספרינגס

הערשל לויפער

איך זיץ מיר אזוי אין רעסטוראנט אינמיטן מיין ווינטער וואקאציע אין פאלם ספרינגס ווארטענדיג מ'זאל מיר ארויסברענגען מיין פארציע וואס איך האב מיר באשטעלט פאר פרישטאג ( די וואקאציע דארף זיך דאך אויסצאלן...).

איך קוק מיך ארום זען אויב ס'איז דא איינער מיט וועם איך קען אויסטוישן א אידיש ווארט, אינמיטן קומט איינער אריין, אויסגעזען האט ער נישט צו היימיש, אבער א איד איז ער דאך. איך טראכט צו מיר ער וועט לכאורה נישט קענען זיין דא מיין קאמפאני. איך קוק מיר אזוי צו פון די זייט און איך זע ער הייבט אן רעדן צו איינעם אויפן טעלעפאון אין א פליסיגן אידיש, אהה דאס איז יא עפעס א היימיש אינגל.

איך ווארט ער זאל ענדיגן רעדן צו יענעם, בשעת ער שפאצירט מיר אדורך געב איך אים א שטעל אפ מיט א ווארימען "שלום עליכם וואס מאכט א איד", און ער ענטפערט צוריק אזוי מיט א געשמאקע אידיש "ברוך השם געלויבט דער אייבערשטער". גלייך האט מיר זיינע ווערטער זיך געגעבן אזא שטעל אפ אין מיין קאפ 'אזא איד זאל מיר זאגן אזוי געשמאק ברוך השם געלויבט דער אייבערשטער'.

די שמועס פארט ווייטער, ער הייבט אן רעדן צו מיר פון דאס פון יענץ, און אזוי פארט עס פון איין טאפיק צום צווייטן, ביז ער הייבט מיר אן צו פארציילן מער און מער פון זיין פארגאנגענהייט וואס ער איז אלס אדורך אין לעבן, וויאזוי ער האט שוין געהאט ליידער אפגעלאזט זיין ווייב און קינדער, ביז איין טאג האט ער מחליט געווען גענוג איז גענוג! איך ווארף אוועק אלע מיינע שלעכטע זאכן און איך הייב אן צוריק צו לעבן אן ערליכער נארמאלער לעבן. היינט ברוך השם בין איך אויפן וועג צוריק איך לערן יעדן טאג מיינע שיעורים אין די תורה, בפרט דעם דף גמרא פארפאס איך נישט קיין איין טאג, איך בעט דעם אייבערשטן יעדן טאג וואס איך דארף נאר, איך לעב ברוך השם מיט מיין ווייב און קינדער.

איך הער אים אזוי אויס איך טראכט צו מיר - קוק מען דארף נישט זיין





אין ברסלב צו רעדן צום אייבערשטן און האבן א גוטע לעבן אינדערהיים, מען קען זיין ערגעץ אנדערש און לעבן א חיים טובים. איך לייג אבער גלייך די מחשבה אין דער זייט און איך שמועס ווייטער מיט אים, אבער די מחשבה איז אגאנצן צייט צוריק געקומען צו מיר, ווייל ווי מער איך האב גערעדט צו אים האב איך געזען אז דער איד איז אנגעפולט מיט אמונה און בטחון.

ס'איז מיר געווען זייער אינטערעסאנט דאס צו זען, אבער שוין זעט אויס עס מאכט זיך א איד זאל לעבן אזוי אפילו ער איז נישט אין ברסלב, דער עיקר דארף איך מאכן א חשבון אז ווען נישט דעם הייליגן פלאץ היכל הקודש וואלט 'איך' נישט גערעדט צום אייבערשטן און נישט געלערנט יעדן טאג און אזוי ווייטער און ווייטער, וואס דארף איך קוקן אויף אנדערע און ווערן צובראכן.

איך האב אים פארציילט אביסל פון מיר ווי איך וואוין און ביי וועמען איך דריי זיך, איך האב אים פארציילט פון דער ראש ישיבה און פון דעם הייליגן פלאץ היכל הקודש.

דא קומט די באמבע פון די זאך! איך וויל מיר שוין אויפשטעלן און ארויסגיין פון רעסטוראנט גיבט ער מיר א זאג: "זאלסט זיך נישט ווינדערן וויאזוי איך רעדט אזוי פונעם אייבערשטן, און איך האב אזא געשמאקע לעבן, דאס אלעס נעם איך פון די דרשות פון דער ראש ישיבה וואס איך הער יעדן טאג, פאר דיר איז דאס נישט קיין חידוש, דו ביזט דאך דארט ביים דעם פלאץ"....

בום בום בום!!! אזא באמבע האט ער אראפגעלאזט, אויף דעם האב איך מיר נישט גערעכנט, דא האב איך מיך שוין געדארפט צאמנעמען דעם קאפ. איך טראכט צו מיר - פארוואס איז דאס מיר נישט בייגעפאלן פאר דעם? נו שוין וואס א חילוק צו ס'איז מיר בייגעפאלן פארדעם אדער נישט, דער עיקר האט מיר דאס געגעבן א גוטע שאקל וואס הפצה טוט אויף, מען קען ראטעווען יעדן איד אין די גאנצע וועלט מיט איין דרשה מיט איין קונטרס, און קיינער דארף אפילו נישט וויסן אז דער איד לעבט מיטן אייבערשטן וועגן דעם הייליגן פלאץ. יענער טרעט נישט אריין דא, ער לעבט ערגעץ אינעם אנדערן עק וועלט, אבער ער לעבט דארט א חיים טובים.

רבותי! לאמיר אנהייבן טון עפעס פאר הפצה! אויף דיין אייגענארטיגן וועג וואס דו קענסט טון, נישט נאכמאכן א צווייטן, נאר גיין מיט די געדאנק און טאלאנט וואס דער אייבערשטער האט דיר געגעבן.

און יא ברוך השם איך בין אויף אזא גוטן פלאץ! דער איד האט מיר געגעבן א גוטע וועק אויף צו זיין פרייליך אז איך בין דא ביים ראש ישיבה אריינגעטינקען ראשו ורובו איך און מיין ווייב און קינדער. איך דארף זיי נישט איבערלאזן און נאכדעם ווארטן אז דער הייליגער רבי זאל מיר צוריקכאפן. "הייליגער באשעפער איך קען דיר נישט גענוג באצאלן פאר די מתנה וואס דו האסט מיר געגעבן אזא לעכטיגע פלאץ פאר מיר און פאר מיין גאנצע משפחה, העלף איך זאל זיך האלטן אין היכל הקודש א גאנץ לעבן, איך מיט מיין ווייב און קינדער".

# שטעטל נייעס

## מצה בעקעריי עפענט צום צווייטן יאר בעזרת השם



די מצה בעקעריי אין שטעטל גרייט זיך צו עפענען בעזרת השם צום צווייטן יאר, נאכדעם וואס די ערשטע יאר איז געקרוינט געווארן מיט גרויס סוקסעס, מען האט צוריקגעהערט גאר גוטע גריסן פון אנשי שלומינו, וואס האבן גאר שטארק הנאה געהאט פונעם געוואלדיגן געשמאקן טעם וואס די מצות האבן געהאט, אזוי אויך האבן אנשי שלומינו הנאה געהאט אז די מצה בעקעריי האט די שטרענגע השגחה פונעם דיין שליט"א דקהילתינו, וואס גיבט זיך אפ מיט יעדן דעטאל אינעם בעקעריי עס זאל זיין מיט די גרעסטע הידורים און חומרות ווי עס דארף צו זיין.

אזוי אויך האבן אנשי שלומינו זייער ארויפגעקוקט דעם פאקט אז די ארבעטערס אינעם בעקעריי זענען אידן וואס רעדן צום אייבערשטן און בעטן דעם אייבערשטן אז די מצות זאל זיין גוט סיי בכשרות און סיי אין טעם. יעצט האלט מען אינמיטן צאמשטעלן דעם גאנצן סטעף ווער עס גייט פאר וועלכע פאזיציע, אזוי אויך קויפט מען יעצט איין אלעס וואס פעלט זיך אויס פארן בעקעריי.

דאס יאר קומט צו גאר א געוואלדיגע חומרה אינעם בעקעריי, מען אינסטאלירט א ספעציעלע פארמאכטע צימער ווי די מעהל און די מצות וועלן דארט ליגן אויף אן אפגעהיטענעם וועג. דאס יאר האט מען אהערגעשטעלט ספעציעלע גוטע סייז מצה באקס פאר די באקוועמליכקייט פון אנשי שלומינו.

דער עיקר דארף מען געדענקען צו בעטן דעם אייבערשטן אז די מצות זאל ארויסקומען מיט די גרעסטע הידורים און עס זאל זיין גאר גוט אין טעם לכבוד דעם הייליגן יום טוב פסח וואס קומט שוין אט אט.

## צווייטע שאטל באס ווערט געקויפט




ברוך השם אז די שאטל גייט שוין אן א לענגערע צייט צו די צופרידענהייט פון די חשובע איינוואוינער, עס איז שוין אריבער אפאר שינוים פון ווען מען האט געעפענט די שאטל, מען האלט אלץ פרובירט צו מאכן בעסער פאר די וואס ניצן דאס, עס זאל זיין גרינג אנצוקומען פון איין פלאץ צום צווייטן, וואס דאס איז נישט אייביג גרינג, ווייל די שטעטל איז אויסגעשפרייט אויף א גרויסע שטח, אבער מען האט פרובירט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף צו צופרידן שטעלן יעדן איינעם.

יעצט ווען די שטעטל איז שוין פארגרעסערט געווארן מיט נאך משפחות וואס האבן זיך אריינגעצויגן און עס פעלט שוין אויס נאך א שאטל גרינגער צו מאכן פאר די חשובע איינוואוינער, האט דער ראש ישיבה געבעטן די חשובע הנהלה זיי זאלן זיך ארייןלייגן דערין און קויפן נאך א שאטל באס, אפילו דאס ציעט אריין אין פרישע געלטער וואס מען דארף איינקויפן, אבער דאס איז א וויכטיגע זאך וואס מען דארף וויכטיג האבן, כדי די חשובע פרויען זאלן קענען אנקומען פון איין פלאץ צום צווייטן גרינגערהייט.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט דאס פארגרינגערן פאר די חשובע איינוואוינער, וואס האבן דאס געניצט ביז היינט, און פאר די אלע וואס האבן נאכנישט פרובירט צו ניצן דעם שאטל ביז היינט פאר וועלכע סיבה עס זאל נאר זיין, וועט יעצט זיין נאך א געלעגענהייט דאס אויסצופרובירן און זען אז דאס איז גאר א געשמאקע מיטל אנצוקומען פון איין פלאץ צום אנדערן געשמאקערהייט.

היכל הקודש

# נייעס

אומאן

## הכנות פאר ראש השנה תשפ"ד



ביי ברסלב'ע חסידים דריידט זיך די גאנצע יאר ארום ראש השנה, דאס איז געווען די גרעסטע זאך ביים רבי'ן, אזוי ווי ער האט אויסגעדרוקט, "וואס זאל איך אייך זאגן, קיין גרעסערס פון דעם איז נישט פאראהאן". דער רבי האט אמאל געזאגט, "גלייך נאך ראש השנה בייג איך שוין צו די אויערן און איך הער שוין דעם שמש קלאפן אויפ'ן פענסטער צו וועקן צו סליחות".

תפלה - די ערשטע זאך דארף מען זיך צוגרייטן מיט תפלה. ברסלב'ע חסידים האבן אלץ געוואוסט אז די איינציגסטע וועג אנצוקומען צום הייליגן רבי'ן איז נאר מיט אסאך תפלה, בעטן און בעטן און נאכאמאל בעטן דעם אייבערשטן אז מ'זאל זוכה זיין צו זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, שוין פון אנהויב יאר הויבט מען אן אוועקלייגן תפלות אז מ'זאל זוכה זיין אנצוקומען צום רבי'ן אויף ראש השנה. ספעציעל אין די יעצטיגע צייטן ווען עס גייט אן א מלחמה אין אוקריינא, עס איז שווער צו קומען און גיין, דעריבער לייגן מיר אריין גאר אסאך תפילות אז מיר זאלן קענען פארן דאס יאר און יעדעס יאר קיין אומאן אויף ראש השנה אן קיין שום שוועריקייטן, אזוי ווי דער רבי האט אונז געבעטן, און פועל'ן א גוט געבענטשט יאר. תפלה איז העכער און שטערקער פון אלעס, און אפילו ווען עס זעט נישט אויס בדרך הטבע אז עפעס זאל קענען פאסירן, קען מען עס אבער באוויזן מיט תפלה, מיט'ן בעטן דעם אייבערשטן.

פאספארט - עס איז כדאי איבערצוקוקן יעצט די פאספארטן - פון זיך און פון די קינדער - אויב זיי וועלן נאך זיין גילטיג אויף ראש השנה, און אויב נישט זאל מען שוין יעצט זיך אפגעבן מיט דעם, עס באנייען אדער מאכן נייע, אז דאס זאל נישט זיין קיין אפהאלט אויף די נסיעה.

בעטן - מען קען שוין דינגען בעטן אינעם בנין היכל הקודש אין אומאן פאר דעם קומענדיגן ראש השנה הבעל"ט. החכם עיניו בראשו, יעדעס יאר פאלן ארויס מענטשן וואס קומען אן די לעצטע מינוט און עס איז שוין נישטא קיין בעטן פאר זיי, עס ווערן ברוך ה' נתרבה נאך און נאך אנשי שלומינו און יעדער וויל מיטהאלטן ראש השנה אין אומאן מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, און דעריבער וועלן מיר נישט קענען אוועקלייגן קיין בעטן פאר די וואס זענען געקומען אין די פריערדיגע יארן, נאר כל הקודם זכה, ווער עס קומט פריער באקומט א בעט. צו דינגען א בעט רופט אין אמעריקע 347-452-1936, אין ארץ ישראל 0548456150.

שטובער - אזוי ווי דער ציבור פארמערט זיך יעדעס יאר קע"ה, וועט מען מער נישט צוזאמשטעלן שטיבער פאר'ן עולם, נאר יעדער צווישן זיך וועט זיך צוזאמשטעלן שטיבער און עס איינמעלדן פאר די ממונים, אין יעדע שטוב איז דא 8 בעטן, אנשי שלומינו וועלן זיך אפשמועסן צווישן זיך מיט. וועמען זיי ווילן זיך צוזאמשטעלן אין איין שטוב, און אויב די גאנצע שטוב איז אויסגעצאלט, וועט מען דאס קענען אריינגעבן פאר'ן וועד הבנין, אויב נישט וועט מען גיין אין די רייע און צוזאמשטעלן שטיבער לויט'ן סדר פון די מענטשן וואס דינגען בעטן.

עירליין טיקעטס - גלייכצייטיג ווילן מיר דערמאנען דעם נייעם סערוויס דורך די בארימטע טראוול עירליין טיקעטס - אגענטור "פלען איט רייט" אז מ'קען שוין יעצט אנהויבן אריינלייגן צוביסלעך געלט פאר אן עירליין טיקעט צו קענען פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, רופט אריין 845-678-3555 און דרוקט עקסטענשאן 109.

אנשי שלומינו זענען זייער דאנקבאר פאר "פלען איט רייט", ובראשם פאר מו"ה אלי קנאלל הי"ו, וואס האבן די פארגאנגענע יאר צוגעשטעלט אזא שיינע געשמאקע נסיעה קיין אומאן ראש השנה פאר אנשי שלומינו, טראץ די פילע שוועריקייטן צוליב די מצב מלחמה. און אויך דאס יאר וועלן זיי מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף פרובירן צוצושטעלן דאס שענסטע און בעסטע פאר אנשי שלומינו.

הזריז נשכר!

<<<<

# היכל הקודש
# נייעס

וויליאמסבורג

## סיום הש"ס פון הבחור דוד אסקאל נרו יאיר



אין ישיבה תפארת התורה ברסלב אין וויליאמסבורג הערשט א גרויס שמחה. איינע פון די חשובע תלמידים הבחור החשוב דוד אסקאל הי"ו וואס איז אריינגעקומען אין ישיבה מיט וויניגער פון א יאר, און נאכן הערן פונעם ראש ישיבה די גרויסקייט פון זאגן און ענדיגן ש"ס, האט ער עס גענומען און געפאלגט מיט תמימות ופשיטות, חוץ זיינע פילע שיעורים און חומש, משניות, הלכה, מדרשים און אזוי ווייטער האט ער געלערנט יעדן טאג עטליכע שעה ש"ס כסדרן, ביז דער אויבערשטער האט געהאלפן אז אין די טעג איז ער אנגעקומען און האט זוכה געווען צו מסיים זיין גאנץ ש"ס.

צום גרויסן טאג זענען זיינע עלטערן און משפחה געקומען צו פארן פון ארץ ישראל, און דער סיום איז אפגעראכטן געווארן אויף א הערליכן פארנעם אין שטוב פון זיינע חשובע קרובים וואס וואוינען דא אין וויליאמסבורג.

דער ראש ישיבה שליט"א איז זיך ספעציעל געקומען באטייליגן ביים סיום, מען האט זיך געוואשן צו א סעודה, מען האט געזונגען שיינע ניגונים, און מען האט געהערט עטליכע שיינע דרשות. א טייל פון די סיום קען מען הערן אויף קול ברסלב 212-444-9191.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אויפגעטרעטן און האט ארויסגעברענגט ביי זיין דרשה ווי איבערגענומען ער איז אז די משפחה מאכט אזא שיינע סיום, בשעת אין ישיבה זענען שוין געווען צענדליגע סיום הש"ס, אבער רוב מאל קומט עס פאר אין ישיבה, ווי אסאך מאל "טוט דער טאטע א טובה און קומט. אבער דא, האט דער ראש ישיבה געזאגט - זעט מען א ווארימע משפחה וואס פריידט זיך מיט און העלפט און שטיצט, און מען ווייזט ארויס כבוד פאר די תורה, און מען פראוועט א שיינע סיום, ווי עס שטייט אין חז"ל אז ווען מען עדיגט א מסכת, איז א "יומא טבא לרבנן". דער ראש ישיבה האט געזאגט אז כאטש היינט האט מען געענדיגט מסכת נדרים אין די קהילה, און מ'האט אים גערופן צי ער קען קומען מחזק זיין די אינגעלייט אין שטעטל ביים סיום, אבער האט אלעס געלייגט אין די זייט. ביי אים האט א גאר שטארקע חשיבות ווען א בחור ענדיגט ש"ס.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז אלעס האט זיך אנגעהויבן וויניגער פון א יאר צוריק, ווען דער בחור איז ארויפגעקומען צו א שיעור, און אויף די פראגע פונעם ראש ישיבה וויאזוי ער הייסט זאגט ער "דוד אסקאל", דער ראש ישיבה האט אים געפרעגט וואס איז די מעשה? ווילסט לערנען דא? האט ער געזאגט, ער איז דא צוגאסט פון ארץ ישראל ווי ער האט געהערט פון די ישיבה, ער וויל עס פשוט קומען זען, אבער דוד איז צוריק געקומען יעדן טאג צום שיעור, און נאך אפאר טעג, האט ער באשלאסן ער בלייבט דא.

דער חתן-תורה הבחור דוד נ"י האט אויפגעטרעטן און געזאגט אפאר ווערטער, ווי ער האט געדאנקט דעם אייבערשטן, און זיינע חשובע עלטערן וואס האבן אים מחזק געווען, אזוי אויך זיינע חשובע קרובים פון וויליאמסבורג, וואס האבן אים אריינגענומען אין שטוב, אין די צייט וואס ער לערנט דא.

דערנאך האט מען געהערט אפאר ווערטער פונעם חשוב'ן פאטער שליט"א וואס האט געדאנקט דעם אייבערשטן שהחיינו וקיימנו והגענו, ער האט זיך קיינמאל נישט געגלייבט אז ער וועט זוכה זיין א זון זאל ענדיגן ש"ס, און האט געזאגט אז עס איז בבחינת "ברא מזכה אבא", אויך האט ער זיך באדאנקט פארן ראש ישיבה, וואס האט מחזק געווען זיין זון, זאל האבן די כוחות דורכצופירן אזא שווערע זאך ווי ענדיגן ש"ס וואס נעמט שעות טאג טעגליך.

דער עולם איז ארויס מיט שטארקע חיזוק, זיך צו נעמען אין די הענט אריין, און אננעמען די שיינע זיסע עצות פון הייליגן רבין, וואס מיט דעם קען מען האבן א זיסע און געשמאקע לעבן!

איר קענט באקומען דעם שטארק
אויפגעכאפטע וועכנטליכע

קרית ברסלב בלעטל

# פרייליכע נייעס!




יעדע וואך
ביי אייער
טיר

פאר בלויז
$3.99

צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין
אדער שיקט א טעקסט צו:

718·387·2691

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

תוכנ'דיג און
ציענדיג

וואס איר וועט נישט
טרעפן אין ערגעץ

אדרבה איבערצייגט
אייך אליין

282 • DESIGN | 845.406.4250



# מעשיות פון תפילה

### אליעזר ראטה - בית שמש:

די טעלעפאן ביי אונז אינדערהיים איז איין שיינעם טאג נעלם געווארן, מיר האבן דאס אסאך געזוכט און נישט געקענט טרעפן, מיר האבן שוין כמעט באשטעלט א נייע סים-קארד.

איך האב זיך אבער נישט מייאש געווען און אסאך געדאווענט צום אייבערשטן איך זאל עס טרעפן. דאנערשטאג ווען איך האב געהאלפן אויפרייניגן די קינדער צימער האב איך עס געטראפן פארשטעקט צווישן די ביכלעך.

שכח אייבערשטער

### בערל לעווי -בלומינגראוו:

מיין דרייער אינדערהיים האט אויפגעהערט צו ארבעטן, אפאר מענטשן האבן דאס פרובירט צו פאררעכטן אבער אן ערפאלג עס האט נישט צוריק אנגעהויבן ארבעטן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל צוריק אנהייבן ארבעטן און עס זאל נישט קאסטן קיין סאך געלט צו פאררעכטן, אויך האב איך צוגעזאגט אז איך וועל עס מפרסם זיין אינעם בלעטל.

למעשה האב איך פרובירט צו רופן נאך א אינגערמאן וואס קען זיך אויס מיט די זאכן, און ער האט מיר געזאגט וואס צו טון וויאזוי עס זאל צוריק אנהייבן ארבעטן, שכח אייבערשטער עס ארבעט שוין יעצט ווייטער זייער פיין.

שכח אייבערשטער

### אלחנן זויבערמאן - וויליאמסבורג:

אין אמת'ן אריין האב איך די וואך נישט געהאט אין פלאן אריינצושיקן א מעשה פון תפלה צו די מערכת ה'בלעטל, נישט ווייל איך האב נישט קיין מעשה פון תפלה, א תלמיד היכל הקודש האט שטענדיג א לעצטיגע מעשה וואס ער האט געבעטן דעם אייבערשטן און דער אייבערשטער האט אים געהאלפן, נאר פשוט ווייל איך האב געטראכט אז איך האב שוין גענוג מעשיות איבערגעלאזט... למעשה, סוף וואך האב איך געטראכט: "ס'גייט ארויסקומען א בלעטל אן א מעשה פון אלחנן זויבערמאן?... נע... איך מוז זיך דערמאנענען עפעס א מעשה פון תפלה"... און שכח אייבערשטער איך האב געהאט א מעכטיגע מעשה פון תפלה, די מעשה גייט ווי פאלגנד:

א לאנגע צייט צוריק האב איך געהערט א שיעור פון דער ראש ישיבה אז דער הייליגער רבי האט געזאגט: "ווער ס'ענדיגט ש"ס ציהט ארויף אויף זיך א צלם אלקים", גלייך ווען איך האב דאס געהערט האב איך געטראכט: "איך הייב שוין אן ש"ס", ווער וויל דען נישט קיין צלם אלקים... אזוי האב איך טאקע געטון, איך האב אנגעהויבן א שיעור אין ש"ס, און ווי איך קען נאר כאפ איך ארויס א בלאט גמרא.

שכח אייבערשטער אנהייב דאס יאר האט דער אייבערשטער געהאלפן אז איך בין א חתן געווארן בשעה טובה ומצלחת, א שטיק צייט נאך איך בין א חתן געווארן איז אריין א חשק אין מיך אז איך וויל ענדיגן ש"ס נאך איידער מיין חתונה, ס'האט אויסגעקוקט ווי זייער א ווייטע זאך, אבער מיט תפלה איז אלץ מעגליך, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל זוכה זיין צו ענדיגן ש"ס נאך פאר מיין חתונה, און דער אייבערשטער האט טאקע געהאלפן, און פארגאנגענע ליל שישי האב זוכה געווען צו מסיים זיין גאנץ ש"ס!

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט - אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג. עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (דְּבָרִים כ, יט): **"כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה"**, אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וִוי אַ בּוֹים; מֶען קֶען זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ זַאכְן פוּן אַ בּוֹים. אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס מֶען זֶעט בַּיי אַ בּוֹים, אַז וֶוען אַ בּוֹים אִיז נָאךְ יוּנְג אוּן קְלֵיין קֶען מֶען עֶס בֵּייגְן וֶועלְכֶע רִיכְטוּנְג מֶען וִויל, אוּן אוֹיבּ זֶעט מֶען אַז עֶס וַואקְסְט פַארְדְרֵייט קֶען מֶען עֶס נָאךְ צוּרִיקְבֵּייגְן, אָבֶּער וֶוען דֶער בּוֹים וֶוערְט גְרֶעסֶער אוּן עֶלְטֶער קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט רִירְן דֶעם בּוֹים, דָאס וַוייזְט אוּנְז אַז מֶען דַארְף מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג אוּן קְלֵיין.

עֶלְטֶערְן מַאכְן אַ טָעוּת מִיט דֶעם וָואס זֵיי מֵיינֶען אַז קְלֵיינֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען נִישְׁט מְחַנֵךְ זַיין, מֶען דְרוּקְט זִיךְ אוֹיס: **"וֶוען דִי קִינְדֶער וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן וֶועלְן מִיר זֵיי מְחַנֵךְ זַיין"**. אָבֶּער וִויסְן זָאלְסְטוּ, אַז וֶוען קִינְדֶער וֶוערְן עֶלְטֶער אִיז שׁוֹין אַסַאךְ מָאל זֵייעֶר שְׁפֶּעט אוּן דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן דֶעמָאלְט חֲרָטָה הָאבְּן וְכוּ' וְכוּ'. **עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ קְלֵיינֶע בֵּיימֶעלֶעךְ** וָואס דֶעמָאלְט קֶען מֶען עֶס שֵׁיין אוֹיסְגְרָאדְן; דֶעמָאלְט קֶען מֶען זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען גוּטֶע מִידוֹת, רֶעדְן אֵיידְל אוּן זִיךְ פִירְן אֵיידְל.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז בַּיי מִיר חָשׁוּב צוּ מְחַנֵךְ זַיין זַיינֶע קִינְדֶער, פּוּנְקְט וִוי אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת אוּן זָאגְן 'תִּיקוּן חֲצוֹת'"; וַוייל אַז מֶען וִויל אוֹיפְשְׁטֵיין זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת, דַארְף מֶען זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן פְרִי, אָבֶּער רֶבִּי נָתָן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין שְׁלָאפְן פַאר זַיינֶע קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים, וַוייל עֶר הָאט זֵיי גֶעוָואלְט מְחַנֵךְ זַיין, עֶר הָאט גֶעוָואלְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע מִיט זֵיי, עֶר הָאט זֵיי גֶעוָואלְט אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ מַאכְן נָאךְ בְּרָכוֹת, אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער, וְכַדוֹמֶה. וַוייל אַ קִינְד וָואס זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִים שֵׁיינֶערְהֵייט דֶערְמַאנְט נַאכְט נָאךְ נַאכְט צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אִיז אִים גְרִינְגֶער דָאס צוּ טוּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן. אַוַדַאי דַארְף יֶעדֶער מֶענְטְשׁ חִיזוּק, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ יֵצֶר הָרָע וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער **מִיט אַ גוּטֶע חִינוּךְ בְּלַייבְּט דִי יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אִידִישְׁקֵייט אַיינְגֶעבַּאקְן אִין הַארְצְן.**

אוֹיבּ דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעמַאכְט אַ סְעוּדָה נֶעכְטְן נַאכְט מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, זָאלְסְטוּ פְּרוּבִּירְן צוּ מַאכְן הַיינְט אַ סְעוּדָה מִיט זֵיי; וואוּיל אִיז פַאר עֶלְטֶערְן וָואס וֵוייסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, נִישְׁט וִוי מֶען רֶעדְט אֵיין אִין גֶעוִויסֶע מְקוֹמוֹת אַז אַן עוֹבֵד הַשֵּׁם קוּמְט נִישְׁט אַהֵיים וְכוּ', אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז אֵיינֶער וָואס אִיז אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן דֶער וֶועלְט. בַּיים רֶבִּינְ'ס חֵדֶר לֶערְנְט מֶען אַנְדֶערְשׁ, מֶען לֶערְנְט אוּנְז אַז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז אֵיינֶער וָואס זִיצְט אִין שְׁטוּבּ, עֶר מַאכְט פוּן זַיין שְׁטוּבּ אַ מָקוֹם הַמִּקְדָּשׁ, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין שְׁטוּבּ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן י) אַז דֶער עִיקָר וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז נָאר דוּרְךְ דֶעם וֶועג פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ, וָואס עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין שְׁטוּבּ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



### יום הולדת

אין א שמועס וועגן די יום הולדת פון רבי נתן וואס געפאלט חמשה עשר בשבט האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: בדרך כלל מאכט מען נישט קיין עסק ביי אידן פון א יום הולדת, דאס איז ווייל מען ווייסט נישט וואס וועט זיין מיט דעם מענטש, אפשר וועט ער חרוב מאכן די וועלט, אפשר וועט ער שעדיגן די וועלט.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שמות רבה מח, א) אויפ'ן פסוק (קהלת ז, א): "טוֹב שֵׁם מִשֶּׁמֶן טוֹב", א גוטע נאמען גייט ווייטער ווי גוטע בשמים, "וְיוֹם הַמָּוֶת מִיּוֹם הִוָּלְדוֹ", און דער טאג וואס מען שטארבט איז בעסער פונעם טאג וואס מען ווערט געבוירן; זאגן די הייליגע חכמים א משל, ווען א שיף פארט ארויס פונעם פָּארט אנגעפילט מיט סחורה, דעמאלט פייפט מען נישט מיט טראמפייטערס, ווייל מען ווייסט נישט צי דער שיף וועט אנקומען אדער נישט, אבער ווען מען זעט אז דער שיף קומט אן בשלום צום פָּארט, דעמאלט קומט מען מיט טראמפייטערס, מען שאלט און מען פריידט זיך מיט גרויס שמחה.

דאס זעלבע איז ווען א מענטש ווערט געבוירן, מען ווייסט נאכנישט וואס וועט זיין מיט אים, צי ער וועט צוגעבן צו די וועלט אדער פארקערט, דערפאר מאכט מען נישט קיין 'יוֹם הֻלֶּדֶת', מה שאין כן ביי א יארצייט, מאכט מען אן עסק און מען מאכט א יארצייט סעודה, אבער **א צדיק וואס מאכט ליכטיג די וועלט - דאנקט מען דעם אייבערשטן אויף דעם טאג וואס דער צדיק איז אראפגעקומען אויף די וועלט, ווייל מען זעט שוין וואס ער האט אויפגעטון.**

# א מעשה
## פון א צדיק



## מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן

דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (עֲבוֹדָה זָרָה יז) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד אֶלְעָזָר בֶּן דוּרְדַיָא וָואס הָאט גֶעטוּן זֵייעֶר אַסַאךְ עֲבֵירוֹת, עֶר הָאט נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט קַיין אֵיין עֲבֵירָה וָואס עֶר זָאל נִישְׁט טוּן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אֵיין טָאג הָאט עֶר זִיךְ בַּארֶעכְנְט אַז עֶר וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צְוִוישְׁן דִי בֶּערְג אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּ דִי בֶּערְג: (תּוֹסֶפֶת זָאגְט פְּשַׁט (שָׁם) אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּ דִי בֶּערְג, נָאר עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּ זִיךְ אַלֵיינְס, עֶר הָאט זִיךְ גֶעזָאגְט: "קֵיינֶער וֶועט מִיר נִישְׁט קֶענֶען הֶעלְפְן, יֶעדֶער דַארְף פַאר זִיךְ אַלֵיין רַחֲמֵי שָׁמַיִם".) "אִיךְ בֶּעט עֶנְק, בֶּעט פַאר מִיר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל מִיר צוּרִיק נֶעמֶען; אִיךְ וִויל תְּשׁוּבָה טוּן". הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט: מִיר דַארְפְן אַלֵיינְס רַחֲמֵי שָׁמַיִם. אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי הִימְל אוּן צוּ דִי עֶרְד, צוּ דִי זוּן אוּן צוּ דִי לְבָנָה, צוּ דִי שְׁטֶערְנְס אוּן מַזָּלוֹת אוּן זֵיי גֶעבֶּעטְן: "אִיךְ בֶּעט עֶנְק, בֶּעט פַאר מִיר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל מִיךְ צוּרִיק נֶעמֶען, אִיךְ וִויל תְּשׁוּבָה טוּן", אַלֶע הָאבְּן אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ: מִיר דַארְפְן אַלֵיינְס רַחֲמֵי שָׁמַיִם, מִיר קֶענֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן.

וֶוען עֶר גֶעזֶען אַז קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט הֶעלְפְן אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן זִיךְ אַוֶועק גֶעזֶעצְט, עֶר הָאט אַיינְגֶעבּוֹיגְן זַיין קָאפּ צְוִוישְׁן זַיינֶע פִּיס אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען, אַזוֹי אִיז עֶר גֶעזִיצְן מִיט אַן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶעם קָאפּ פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט בִּיז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן. אִיז אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל: "**רֶבִּי אֶלְעָזָר בֶּן דוּרְדַיָא מְזוּמָן לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא**", אַז מֶען הָאט אָנְגֶענוּמֶען זַיין תְּשׁוּבָה.



זָאגְט דִי גְמָרָא: רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעוֵויינְט אוּן גֶעזָאגְט: "**יֵשׁ קוֹנֶה עוֹלָמוֹ בְּשָׁעָה אַחַת**", קוּק צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין אִין אֵיין מִינוּט - אַז עֶר טוּט תְּשׁוּבָה; נִישְׁט נָאר מֶען הָאט אָנְגֶענוּמֶען זַיין תְּשׁוּבָה, נָאר מֶען רוּפְט אִים מִיט אַ טִיטְל ר', וַוייל דֶער בַּת קוֹל אִיז אַרוֹיס 'רֶבִּי' אֶלְעָזָר בֶּן דוּרְדַיָא מְזוּמָן לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין וֶוען עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר זָאגְט: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אַסַאךְ נַארִישְׁקֵייטְן אִין מַיין לֶעבְּן, אִיךְ בִּין טַאקֶע זֵייעֶר וַוייט פַארְקְרָאכְן, אָבֶּער אִיךְ וִויל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ דִיר. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס זֶען פוּן מַיין פְּלָאנְטֶער, אִיךְ מַאךְ אָפּ יֶעדְן טָאג בַּיי מִיר אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין מֶער נִישְׁט צוּרִיק גֵיין צוּ מַיינֶע נַארִישֶׁע מַעֲשִׂים אוּן יֶעדֶע מָאל פַאל אִיךְ נָאכְאַמָאל אַרָאפּ, הֶעלְף מִיר**".

(עצתו אמונה יתרו תשע"ח)





# דעם הײליגן רבינ׳ס
# לעבנסגעשיכטע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

- י"ט -

**פארזעצונג פון פריער:** נָאכְ'ן בַּאדֶעקְן דִי כַּלָה, פַּאר דִי חוּפָּה, אִיז דֶער רֶבִּי גֶעגַאנְגֶען שְׁמוּעֶסְן מִיט עֶטְלִיכֶע יוּנְגֶע בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט צוּ זֶען וואוּ זֵיי הַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט. אַיין אִינְגֶערְמַאן, מִיטְ'ן נָאמֶען ר' שִׁמְעוֹן, אִיז יָא גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶער, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "סְ'הָאט אַ פָּנִים אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ נָאךְ קֶענֶען". ר' שִׁמְעוֹן הָאט גֶעזָאגְט פַּארְ'ן רֶבִּי'ן, "אִיר וֶועט זִיכֶער אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אוּן אִיךְ וִויל אַייךְ בַּאדִינֶען, אִיךְ וֶועל זַיין אֵייעֶר מְשַׁמֵשׁ". אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען מִיט יָארְן שְׁפֶּעטֶער, אַז ר' שִׁמְעוֹן הָאט אַסַאךְ בַּאדִינְט דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט אִים בַּאדִינֶען אוֹיךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

***

אַזוֹי וִוי ר' שִׁמְעוֹן הָאט זִיךְ צוּגֶעהֶערְט צוּ דִי רֵייד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין אִין רֶבִּינְ'ס וֶועגְן, סְפֶּעצִיעֶל מִיט תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען דוּרְךְ דֶעם צוּ גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ הֵיילִיגֶער אִיד, עֶר הָאט מְחַדֵשׁ גֶעוֶוען אַסַאךְ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַמָאל אוֹיף אִים אַז עֶר הָאט שׁוֹין צֶעבְּרָאכְן אִינְגַאנְצְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת.



גְלַייךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז דֶער רֶבִּי נָאךְ מֶער פַארְפְלַאמְט גֶעוָוארְן מִיט זַיין עֲבוֹדַת ה', עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאךְ מֶער זִיךְ פְלַייסְן אִין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אוּן אִין הִתְבּוֹדְדוּת, נָאךְ סַאךְ מֶער פוּן זַיינֶע קִינְדֶערִישֶׁע יָארְן.

צוּ דִי חֲתוּנָה הָאט דֶער רֶבִּי בַּאקוּמֶען אַ נַדְן פוּן דְרֵיי הוּנְדֶערְט רֶענְדְלֶעךְ, דָאס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶע סוּמֶע גֶעלְט. דֶער רֶבִּי הָאט גֶענוּצְט פוּן דִי גֶעלְט פַאר פַּרְנָסָה, אוּן עֶר הָאט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעזָארְגְט וָואס עֶר וֶועט טוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי גֶעלְט פוּנֶעם נַדְן וֶועט זִיךְ אוֹיסְנוּצְן.

אָבֶּער אַלֶעס הָאט עֶר גֶעטוּן זֵייעֶר בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דֶער פְרִישֶׁער אִינְגֶערְמַאן דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע מְסִירַת נֶפֶשׁ. סְפֶּעצִיעֶל הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר בַּאהַאלְטְן פוּן זַיין שְׁוֶוער ר' אֶפְרַיִם זַ"ל, עֶר הָאט בַּאשְׁוואוֹירְן זַיין וַוייבּ אַז זִי זָאל נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן פַּאר קֵיינֶעם אַז עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט.

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן אַז אִין יֶענֶע צַייטְן הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וִויל קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן בַּאקַאנְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר וִויל אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וִויסְן אַז עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי שְׁטַארְק בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט. עֶר הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ פְּלֶענֶער וִוי אַזוֹי דָאס צוּ מַאכְן, אַסַאךְ מָאל הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט גֵיין אִיבֶּער דִי הַייזֶער וִוי אַן אָרֶעמַאן אוּן קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וִויסְן פוּן אִים.

דָארְט וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט, אִין דֶעם דָארְף פוּן זַיין שְׁוֶוער, אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַרוּם פִּילֶע פֶעלְדֶער אוּן וֶועלְדֶער מִיט הוֹיכֶע בֶּערְג, קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעדְרֵייט דָארְט, דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי דָאס אוֹיסְגֶענוּצְט, עֶר הָאט דָארְטְן אַסַאךְ פַארְבְּרֶענְגְט אוּן אַסַאךְ גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד. דָארְט הָאט עֶר פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, אָן דֶעם וָואס אֵיינֶער זָאל וִויסְן פוּן אִים.

וֶוען עֶר פְלֶעגְט צוּרִיק קוּמֶען אִין דָארְף צוּ זַיין שְׁוֶוער, פְלֶעגְט עֶר שְׁפִּילְן מִיט דִי אַנְדֶערֶע בְּנֵי הַנְעוּרִים, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר בַּאהַאלְטְן פוּן אַלֶע שְׁכֵנִים, אוּן פַאר זַיין שְׁוֶוער הָאט דָאס זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעשְׁטֶערְט. עֶר הָאט דָאךְ גֶענוּמֶען אַן אֵיידֶעם וָואס אִיז אַן אֵיינִיקְל פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר וֶועט זִיצְן אוּן לֶערְנֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּם סוֹף הַאלְט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען. דֶער שְׁוֶוער הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר פוּן דֶעם.

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, אָדֶער אִין זַיין צִימֶער וואוּ עֶר פְלֶעגְט זִיךְ דָארְט אַיינְשְׁפַּארְן, אָדֶער אִין דִי טִיפֶע פֶעלְדֶער אוּן וֶועלְדֶער צְווִישְׁן דִי בֶּערְג, אוּן זַיין וַוייבּ הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיסְגֶעזָאגְט וָואס דֶער רֶבִּי אִיז בֶּאֱמֶת.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**

# הילולא קדישא



## חלק ב׳

# מוהרא"ש
## זכותו יגן עלינו
### י"ב שבט תשע"ה



### פון געלט זאלט איר מיט מיר נישט שמועסן

אַז דוּ וואוֹינְסְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאלְסְטוּ פָּארְן קַיין יַבְנְאֵל מִיט דַיינֶע קִינְדֶער אוּן זֶען דָאס בֵּית הַמֶדְרָשׁ וָואס מוֹהַרָא"שׁ הָאט געבּוֹיט, זָאלְסְט גֶעבְּן אַ קוּק וָואס שְׁטֵייט בַּיים אַרַיינְגַאנְג צוּם בֵּית הַמֶדְרָשׁ; מוֹהַרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיפְן טִיר פוּנֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ דִי וֶוערְטֶער: **"הַבַּעַל תְּפִילָּה אָמַר: עֲדַיִן אַתֶּם רוֹצִים מָמוֹן? מִמָּמוֹן לֹא תְּדַבְּרוּ כְּלָל"**, אִין אִידִישׁ: "דֶער בְּעַל תְּפִילָּה הָאט גֶעזָאגְט: נָאךְ אַלְץ ווִילְט אִיר גֶעלְט? פוּן גֶעלְט זָאלְט אִיר מִיט מִיר נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן".

יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ בִּין זוֹכֶה צוּ זַיין אִין יַבְנְאֵל גֵיי אִיךְ נָאכְאַמָאל צוּם גְרוֹיסְן בֵּית הַמֶדְרָשׁ נָאר צוּ זֶען דֶעם טָאוְול; דָאס בְּרֶענְגְט יֶעדֶעס מָאל אַרַיין אִין מִיר אַ שְׁטַארְקֶע הִתְעוֹרְרוּת, זֶעעֶנְדִיג וִוי מוֹהַרָא"שׁ הָאט גֶעלֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וִוי שְׁטַארְק מוֹהַרָא"שׁ הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אָן קַיין חָכְמוֹת אוּן אָן קַיין דְרֵיידְלֶעך.

עצתו אמונה שמות תשע"ט

### דו קענסט דעם רבי'ן

מוֹהַרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִיבֶּער זִיבֶּעצִיג טוֹיזְנְט בְּרִיוְון, דָארְט קֶען מֶען אִים טְרֶעפְן אוּן זַיין דָבוּק צוּ אִים; אַזוֹי וִוי מוֹהַרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַ בָּחוּר וָואס הָאט זִיךְ גֶעשְׁטוּפְּט אָנְצוּכַאפְּן מוֹהַרָא"שׁ'ס הַאנְט בְּשַׁעַת מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן נָאךְ קִידוּשׁ לְבָנָה: "דוּ ווִילְסְט מִיר אָנְכַאפְּן? **לֶערְן אַשֶׁר בְּנַחַל, אַזוֹי וֶועסְטוּ מִיר אָנְכַאפְּן"**.

דָא בַּיי אוּנְז רֶעדְט מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן מוֹהַרָא"שׁ; בַּיי יֶעדֶע שְׁמוּעֶס הֶערְט מֶען: "מוֹהַרָא"שׁ", "מוֹהַרָא"שׁ", אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי יֶעדֶע שִׁיעוּר וָואס מֶען לֶערְנְט פָאר דָא אִין הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ הֶערְט מֶען: "מוֹהַרָא"שׁ", "מוֹהַרָא"שׁ"; זֶענֶען דָא דִי פְּרִישֶׁע תַּלְמִידִים וָואס וֶוערְן לֶעצְטְנְס מְקוּרָב וֶועלְכֶע קוּמֶען מִיט אַ גֶעשְׁרֵיי:

"הַיִתָּכֵן מִיר הָאבְּן נִישְׁט מוֹהַרָא"שׁ, מִיר זֶענֶען שׁוֹין גֶעקוּמֶען צוּ שְׁפֶּעט?!

זָאג אִיךְ זֵיי שְׁטֶענְדִיג וָואס רֶבִּי נָתָן זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ אִיד וָואס הָאט גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן, דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַז רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט אַמָאל גֶעכַאפְּט אַ הִיטְשׁ (טְרֶעמְפּ) מִיט אֵיינֶעם יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק, אַזוֹי שְׁמוּעֶסְנְדִיג זָאגְט עֶר פַאר רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער: "אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן", אוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט אִים מְקַנֵא גֶעוֶוען מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: **"יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק הָאט נִישְׁט 'גֶעקֶענְט' דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט 'גֶעזֶען' דֶעם רֶבִּי'ן, דוּ 'קֶענְסְט' דֶעם רֶבִּי'ן, וַוייל דוּ לֶערְנְסְט דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן"**, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצב): "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק גֶעפוּנְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים.

דָאס זָאג אִיךְ אוֹיךְ פַאר אַלֶע פְרִישֶׁע מְקוּרָבִים: "אַז אִיר וֶועט לֶערְנֶען מוֹהַרָא"שׁ'ס סְפָרִים וֶועט אִיר אַלֶע הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט דֶעם צַדִיק".

עצתו אמונה שמות תשע"ט

### ביי מוהרא"ש דעם לעצטן מאל



אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן אַפָּאר וֶוערְטֶער וָואס מוֹהַרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִין

שְׁפִּיטָאל עֶטְלִיכֶע טֶעג פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת.

גֶעוֶועןְ אִיז דָאס מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח וֶוען אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער אִינֶעם קָאלָאמְבִּיע שְׁפִּיטָאל, אוּן אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶען מוֹהַרָא"שׁ נָאכְאַמָאל אֵיידֶער עֶר אִיז אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, עֶס הָאט אוֹיס גֶעזֶען וִוי מוֹהַרָא"שׁ גֵייט שׁוֹין נִסְתַּלֵּק וֶוערְן דֶעמָאלְט אוּן מֶען הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט אַרַיין גֶעלָאזְט. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזַא טוּמְל בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר דֶערְצִיטֶערְט פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע נַייעֶס, אַלֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן צוּם שְׁפִּיטָאל אָבֶּער מֶען הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט אַרַיין גֶעלָאזְט. לְמַעֲשֶׂה אִיז אַ זוּן פוּן מוֹהַרָא"שׁ אַרוֹיס גֶעקוּמֶען פוּן צִימֶער מִיר זָאגְן אַז אִיךְ זָאל אַרַיין קוּמֶען; מִיר אִיז פָּשׁוּט שְׁלֶעכְט גֶעוָוארְן צוּ זֶען וִוי מוֹהַרָא"שׁ לִיגְט אִין בֶּעט, אַלֶע מַיינֶע גְלִידֶער הָאבְּן מִיר גֶעצִיטֶערְט. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט גֶעבְּן שָׁלוֹם אָבֶּער מוֹהַרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעוִויזְן אַז אִיךְ זָאל אִים נִישְׁט גֶעבְּן דִי הַאנְט.

מוֹהַרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעוִויזְן אַז אִיךְ זָאל זִיךְ אַוֶועק זֶעצְן, אוּן עֶר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט דִי שִׂיחָה וָואס דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן תקכב) אַז פַאר דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל יְסוֹד וְשׁוֹרֶשׁ הָעֲבוֹדָה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן אַ קְנַאק מִיט זַיין פִינְגֶער אוּן גֶעזָאגְט: **"אִיבֶּער גִישְׁפְּרִינְגֶען"**; עֶר הָאט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אַז עֶר פְרֵיידְט זִיךְ אַז עֶס אִיז אִים גֶעלוּנְגֶען אִיבֶּער צוּ שְׁפְּרִינְגֶען אַלֶע נַארִישְׁקַייטְן פוּן דֶער וֶועלְט. אוּן רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (שָׁם): **"וְהָיָה רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מְשַׁבֵּחַ מְאֹד אֶת הַצַּדִּיק הַזֶּה שֶׁזָּכָה לוֹמַר כָּךְ קֹדֶם מוֹתוֹ"**, אַז דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּ דֶעם.

מוֹהַרָא"שׁ הָאט גֶעוִויזְן מִיט דִי פִינְגֶער וֶוען עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט דִי שִׂיחָה אוּן גֶעזָאגְט: **"אוּן אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן אִיךְ פַּאטְשׁ פַאר שִׂמְחָה אַז אִיךְ הָאבּ מַיין גַאנְץ לֶעבְּן זִיךְ אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער"**; מוֹהַרָא"שׁ הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פַּאטְשְׁן מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע הֶענְט אוּן גֶעשְׁמֵייכְלְט וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער **"אוּן אִיךְ פַּאטְשׁ אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט"**; דִי פָאר וֶוערְטֶער קֶען אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן אוֹיף מוֹהַרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוֹיפְן שְׁפִּיץ גָאפְּל.

עצתו אמונה שמות תשע"ט

## מוהרא"ש איז דא מיט אונז

אִיךְ הָאבּ אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה פוּן דִי חֲתוּנָּה וָואס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה דִי וָואךְ.

בַּיי דִי חֲתוּנָּה הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט: 'יֶעצְט קֶען מֶען טַאקֶע זָאגְן אַז דֶער חָלוֹם אִיז מְקוּיָּם גֶעוָוארְן'; מוֹהַרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן גָאר אַסַאךְ: בְּרִיוְון אוּן קוּנְטְרֵסִים (קוּנְטְרֵס "לֵב אָבוֹת עַל בָּנִים"; אֶרֶךְ אַפַּיִם אות ד; וְעוֹד) אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קֵיין טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת, נָאר פָּשׁוּטֶ'ע.

מוֹהַרָא"שׁ הָאט כַּמָּה פְּעָמִים גֶעזָאגְט דָא אִין יְשִׁיבָה פַאר דִי בָּחוּרִים: **"וָואס דַארְף אַ בָּחוּר? אַ בָּחוּר דַארְף גָארְנִישְׁט, נָאר אֵיין זַאךְ: עֶר וִויל חֲתוּנָּה הָאבְּן"**, מוֹהַרָא"שׁ הָאט אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט אַז מֶען דַארְף בְּלוֹיז צֶען מֶענְטְשְׁן אוּן אַ טַלִּית צוּ שְׁטֶעלְן אַ חוּפָּה אוּן דָאס אִיז עֶס. דֶער בָּחוּר וִויל אֵיין זַאךְ, עֶר וִויל זָאגְן וָואס דִי בַּת קֵיסָר הָאט גֶעזָאגְט פַארְן בֶּן מֶלֶךְ נָאכְן וַוארְטְן אַזוֹי לַאנְג אוֹיף אִיר שִׁידוּךְ: "אוּן דוּ בֶּן מֶלֶךְ קוּם אַהֶער, לָאמִיר אַהֵיים גֵיין (עַיֵּין בְּסוֹף סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ב', מִמֶּלֶךְ וְקֵיסָר)", גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז יֶעצְט אִיז דֶער חָלוֹם מְקוּיָּם גֶעוָוארְן.

אֵיינֶער אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר בְּשַׁעַת דִי חֲתוּנָּה אוּן מִיר גֶעזָאגְט: "עֶס פֶעלְט גָארְנִישְׁט פַאר דִי חֲתוּנָּה, עֶס אִיז הֶערְלִיךְ שֵׁיין, אָבֶּער אֵיין זַאךְ פֶעלְט יָא, אַז מוֹהַרָא"שׁ זָאל זִיצְן דָא מִיט אַ גְרוֹיסֶע שְׁמֵייכְל אוּן זֶען וִוי זַיין פְּלַאג אוּן מִי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אוּמְזִיסְט, אוּן זִינְגֶען דֶעם בַּאקַאנְטְן נִיגוּן: **'לֹא תְּנַצְּחוּ אוֹתִי כָּל כָּךְ מַהֵר'"**, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"מוֹהַרָא"שׁ אִיז שׁוֹין אֵיינְמָאל דָא, נָאךְ וִוי אִיז עֶר דָא"**; וַוייל דָארְט וואוּ מֶען חַזֶּר'ט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם צַדִּיק דָארְט גֶעפוּנְט זִיךְ דֶער צַדִּיק, אַזוֹי אוֹיךְ דָארְט וואוּ מֶען פִירְט זִיךְ לוֹיט וִוי דֶער צַדִּיק הָאט גֶעלֶערְנְט דָארְט אִיז דֶער צַדִּיק, אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פָּרָשַׁת אַחֲרֵי, דַף עא:): **"צַדִּיקָא - אַף עַל גַּב דְּאִתְפְּטָר מֵהַאי עָלְמָא, לָא אִסְתַּלָּק וְלָא אִתְאֲבִיד מִכֻּלְּהוּ עָלְמִין, דְּהָא בְּכֻלְּהוּ עָלְמִין אִשְׁתְּכַח יַתִּיר מֵחַיּוֹי"**, צַדִּיקִים גֶעפוּנֶען זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט נָאךְ זֵייעֶר פְּטִירָה נָאךְ מֶער וִוי זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעפוּנֶען דָא בִּשְׁעַת זֵיי הָאבְּן גֶעלֶעבְּט.

עצתו אמונה יתרו תש"פ

## שכל פון מוהרא"ש

אִיךְ פְרֵיי מִיר זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי בְּרִיוְון; אַלֶע בְּרִיוְון וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען צוּ שְׁרַייבְּן אִיז נָאר בִּזְכוּת מוֹהַרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. יֶעדֶע בְּרִיוו אִיז נָאךְ אַ שְׁטִיק שֵׂכֶל פוּן מוֹהַרָא"שׁ וָואס הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אוֹיף אַזַא גֶעשְׁמַאקֶע וֶועג.

עצתו אמונה טהרה תשע"ט






# מיטללעבן קריזעס

## (מידלייף קרייסעס)




ישראל דוד העסקעל

**אה** אה גוטע וואך וואס מאכסטו?! שוין לאאאנג נישט געזען... ס'הערטצוך?

ברוך השם געלויבט דער הייליגער באשעפער!

נא ווי אזוי איז געווען שבת? עפעס אינטערעסאנט?

ניין נישט דווקא, א שיינע שבת געווען ברוך השם, נישט עפעס ספעציעל... אה גראדע וועסט נישט גלייבן איך האב געהאט א פעסטע שמועס פרייטאג צונאכטס מיט איינעם וועגן דיר, יענער האט פארקויפט מעשיות וועגן דיר... דו הערסט, נישט געשטויגן און נישט געפלויגן... אוי האב איך אים געלייגט אין פלאץ! א מין בעל דמיון!

וואס הייסט? וואס האט יענער געזאגט?

ער איז אויפגעקומען - וועסט לאכן - ער זאגט אז דו דרייסט זיך אין היכל הקודש ביי דעם ראטה'ס חברה - איך זאג דיר ער איז אזא בעל דמיון! ער טענהט דו ביזט א ברסלב'ער געווארן - - הא הא הא - אזעלכע שטותים!

עה פרעג נישט איך האב אים שוין מסביר געווען ס'קען נישט זיין, ער באלאנגט דאך אין .... ער איז דאך "א געהעריגער נארמאלער מענטש" ממש געסעטלט...



ער "באלאנגט"! איך האב אים בעיסיקלי געזאגט אז אויב זוכט ער אויפצומאכן מעשיות זאל ער טרעפן א צווייטן אפשר עפעס א צושטרויבלטער...

עהעם... פרוביר איך צו טרעפן די ריכטיגע ווארט... איך באלאנג? וואס הייסט איך באלאנג?

דו האסט א פלאץ, דו האסט דיינע חברים מיט א רבי' מיט א גאנצע רעביסטעווע, א קהילה, כ'מיין אלעס, נא ווייסט דאך יעדער דארף / מוז ערגעץ באלאנגען... אז מ'באלאנגט נישט טויג נישט... יעדער דארף א פלאץ!

אהא למעשה זאג איך אים איז יענער גערעכט געלויבט דער הייליגער באשעפער אז איך האב געטראפן דעם הייליגען ווינקל "היכל הקודש ברסלב" מיט א מורא דרך וואס לערנט מיר עצות ווי אזוי צו זיין אן ערליכער איד און בין



זייער שטאלץ און פרייליך אז איך דריי זיך אין דעם הייליגען מקום!

וואאאאס!!! עפעס איז געשען מיט דיר כ'מיין דו ביזט באמת געווען געהעריג נארמאל געסעטלט .... איך מוז לויפן אבער אונז מוזן נאך שמועסן איך מוז דאס פארשטיין! איך זאג דיר... דו?! פון אלע מענטשן? אונז מוזן נאך רעדן!

געזונטערהייט! א זיסע לעכטיגע פרייליכע מזל'דיגע וואך!

איך זעץ זיך אריין אין קאר איך לאך זיך גוט אונטער, וואס פארשטייט ער... קען מען דען מסביר זיין... וואס זאל איך זאגן?! איך האב אנגעהויבן לעבן! א לעבן מיטן באשעפער מיט אמונה א מחיה!

ס'איז געווען א ערב שבת בעפאר די נערוואס פארלאפענעם עפיזאד. איך יאג זיך שטארק כ'האלט שוין ב"ה נאכן דף, יום תהילים, חומש, ח"י פרקים און שחרית, איך דארף נאך אביסל גיין איינקויפן לכבוד שבת איך יאג זיך ארויס פון שול מיט מיין טלית בייטל איך זעץ זיך אריין אין קאר און אזוי ווי איך וויל אנהייבן פארן שטעלט זיך איינער ביי מיין פענסטער און מאכט מיר מיט די הענט אז איך זאל אראפדרייען די פענסטער.

איך דריי אראפ די פענסטער איך קען דעם איד שוין אפאר יאר אויפן פנים... כ'האב נאך קיינמאל נישט גערעדט מיט אים... וואס קען ער פון מיר יעצט וועלן?! יא ר' איד וואס קען איך טון פאר אייך?

גארנישט... איך האב נאר געוואלט זאגן... אז... כ'האבנישט די ריכטיגע ווערטער, איך וויל דיר נישט באליידיגן... איך טראכט צו מיר איך פרוביר... למעשה איך פיל אז איך מוז זאגן...

נא ס'איז ערב שבת איך יאג מיך איר האט עפעס צו זאגן אויב נישט דארף איך גיין...

יא, בקיצור... איך באטראכט דיר שוין א שטיק צייט איך זעה ביסט ממש געווארן א נארמאלער מענטש! איך געדענק דיר פון אמאל... מ'קען זען אז דו האסט א מורה דרך! איך האב פשוט געפילט אז איך מוז דיר זאגן!

אקעעעי שכוח... זייט געבענטשט און האב א פרייליכע שבת!

אמן דו אויך.

נא, ווער איז טאקע דער נארמאלע מענטש?

איינער זעט א פרא אדם! א הפקר יונג! ער ווארפט אוועק א פלאץ... ער זיך זוכן ערגעץ גליקן... ער כאפט זיך אזא תקופה'לע ער פליט יעצט און הימלען ער זעט אורות ער האט א פריצייטיגע מידלייף קרייסעס... און ער מאכט זיך חרוב זיין לעבן! די מוצאי שבת'דיגע מעשה איז נאר א דוגמא כ'מיין ס'האט אמת'דיג פאסירט דברים כהוויתן ממש אבער ס'איז איינס פון צענדליגע...

איינער קומט שוין מער מיט א סטראשע... געב אכטונג איין טאג גייסטו נאך דארפן צוריק קומען... מאך נישט קיין פאטאלע טעותים... בדרך כלל ווערט עס באגלייט מיט אזעלכע פראזן ווי כאפן אורות און פליען אין הימל...

דער ראש ישיבה האט אמאל געזאגט וואס איז גרינגער, זאגן תיקון הכללי אדער פאסטן פ"ד תעניתים?

פאסטן איז אסאך גרינגער ווייל מ'פילט ווי מ'טוט עפעס, דיין פעולה איז וואס געבט דיר דיין תשובה... אבער אויף תיקון הכללי און פשוט תשובה טון זאגן איים סארי אייבערשטער - אז דאס זאל ארבעטן דארף מען שוין א לויטערע ריינע אמונה, אז נישט איז נישט מעגליך צו גלייבן אז דאס איז גענוג אויף תשובה...

ענליך איז דא... ס'איז אסאך גרינגער פאר א מענטש צו זאגן אז די ברסלב'ער כאפן מלאכים און פליען אין הימל ווייל ס'איז ווייט אוועק פון זיי... אבער אז ברסלב לערנט סך הכל אויס די פשטות יהדות זיך פרייען שלא עשנו גוי! דאס איז זיי אסאך





שווערער צו פארשטיין!

אזוי איז דער מסביר און סטראשעט אויף איין מאל געב דיך גוט אכטונג ס'איז א וואן ווען נישט קיין וועג צוריק דו קענסט דאך די "סיסטעם" בלא בלא בלא... דאס איז איין סארט מענטש.

דער צווייטער זעט אין גאנצן אן אנדער בילד ער זעט נישט די גאנצע מהומה ארום און ארום ער זעט נישט קיין ריזיגע מוסדות בילדינגס וואס מ'קען ווייזן הע! דאס איז אונזערס! ביי אים באלאנגען מיינט נישט זיין אין א קאמפעני...

ער זעט א מענטש! אן אינדיווידועל און ער באטראכט אים (כ'מיין נישט מיך כ'רעד בכלליות...) פאר וואס ער איז וואס האט ער צו פארקויפן... ביז היינט האט ער געדאווענט דריי תפילות מיט מנין? האט ער זיך געדרייט מיט א שמייכל? האט ער קובע עתים געווען לתורה? ער קוקט אויף דעם מענטש און אזוי איז ער קובע אויב איז ער "נארמאל" אדער....

און ס'איז אויסטערליש אינטערעסאנט אז דער וואס האט נעכטן געקוקט און געזען א נארמאלער מענטש זעט היינט איינער וואס נעבעך... און דער וואס האט ביז היינט געזען א מענטש וואס נעבעך... ער באלאנגט ער ווייסט נישט פעלט אים... זעט ווי דער מענטש בליעט און וואקסט ער דארף נישט זיין אנגעהאנגען אין עפעס א סיסטעם אין א פראגראם...

א מענטש דארף באלאנגען צו זיך א מענטש דארף זיין בעל הבית אויף זיך און אויב איז מען זוכה אז מ'קען אנקומען אין היכל הקודש א פלאץ וואס האט די כח צו מאכן א מענטש נארמאל איך זאל אנהייבן קיקן אויף מיר, ברענגען א מענטש צום באשעפער עפענען די קאפ אביסל צו עבודת השם און צו לימוד התורה דארף מען זיך אזוי מחיה זיין מיט דעם!!!

**עפילאג**

לאך דיך גוט גוט אויס פון אלע גוטזאגערס און אלע וואס ווילן נאר פרעגן און נאר זאגן... דאנק דעם אייבערשטן אז דו ביזט מקורב צו א רבי וואס ברענגט דיר צום אייבערשטן אז דו ביזט אין א פלאץ וואו דו האסט א מורה דרך וואס געבט דיר זיסע עצות צום לעבן און מאכט דיר רעדן צום אייבערשטן, לערנען, דאווענען און שטאפט דיר מיט חיזוק א מחיה וואס נאך דארף א מענטש??

**שכח אייבערשטער אז איך בין מקורב צו אזא לעכטיגע פלאץ!**





# ווער זענען זיי?

קענט איר אויסגעפונען
ווער, ווען און וואו איז די בילד?



תשובה פון די פריערדיגע וואך




מוהרא"ש זי"ע באזוכט אין ישיבה 27 סקילמאן
אינמיטן בויען דעם בנין - שנת תשע"א

1. מו"ה נפתלי זאבעל הי"ו
2. מו"ה אברהם יושע וועבערמאן הי"ו
3. ראש ישיבה שליט"א
4. מו"ה מרדכי יונה שיק הי"ו
5. מוהרא"ש זי"ע
6. מו"ה שבת מזרחי הי"ו
7. מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו
8. מו"ה מאיר דוד פארקאש הי"ו
9. מו"ה מרדכי אינדיג הי"ו
10. הרב רבי יצחק לעזער שליט"א

## שיקט אריין אייער ענטפער צו די רעדאקציע

**די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם
אינעם קומענדיגן בלעטל**



# א סעודה מיט'ן ראש ישיבה

## מלוה מלכה פרשת שמות - תשפ"ג

איך בין אזוי פריילך אז ברוך השם איך האב געהאט די זכי' צו מיטהאלטן א הערליכע מלוה מלכה ביי דער ראש ישיבה שליט"א מוצאי שבת פרשת שמות. ביי די מלוה מלכה האט מען געשמועסט אזויפיל שיינע שמועסן און שיחות, איך וועל פרובירן צו אראפשרייבן אפאר שיינע זאכן וואס איך האב זוכה געווען צו הערן.

ווען איך בין אנגעקומען האט מיך דער ראש ישיבה געוויזן צו גיין וואשן, איך האב מיך געוואשן און אראפגעזעצט ביים טיש, ס'איז געווען צוגעגרייט בעיגעלס מיט סאלאט, און שפעטער האט מען אריינגעברענגט הייסע גריז פאר אלע אנוועזנדע.

מען האט געשמועסט וועגן איינע פון די פריערדיגע לאקאציעס פון בית המדרש היכל הקודש אין וויליאמסבורג - אויף דיוויזשן עוועניו, דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ווען ער און מו"ה אברהם משה שטראססער הי"ו זענען אנגעקומען דארט, האבן זיי נאר געזוכט ווי מען קען שענער מאכן דעם בית המדרש.

ס'איז געווען א שמאלע לאנגע שול, אינמיטן איז געליגן א ריזיגע סעיף פארן ספר תורה. איין טאג האבן אונז געטראכט אז אפשר קען מען עס ארויסטראגן און ברענגען א קלענערע סעיף, אזוי וועט זיין מער פלאץ.

די סעיף איז געווען די ערשטע זאך וואס איך האב געגעבן פארן רבי'ן. דאס איז געווען די ערשטע חנוכה פון ווען איך בין מקורב געווארן, (ס'איז געווען נאך פאר איך בין געפארן אויף אומאן ראש השנה), מיין טאטע האט מיך געהאט געגעבן $1500 דאלער חנוכה געלט. איך בין געגאנגען און איך האב מיט די געלט געקויפט א סעיף. מען האט אריינגעלייגט די סעיף אין די וואנט, אזוי איז געווארן א הערליכע שול, אזוי ווען מוהרא"ש פלעגט קומען האט מען געקענט מאכן א שיינע סעודה. שפעטער האב איך עס מיטגעשלעפט אויף סקילמען.

איינער פון די אנוועזנדע ביי די סעודה האט זיך אנגערופן: "פופצן הונדערט דאלער צו געבן חנוכה געלט איז אסאך געלט". האט דער ראש ישיבה געזאגט: "יא, ווייל ביי אונז אין די משפחה ארבעט מען נישט - נאר מען לערנט, וועגן דעם איז דא א מורא'דיגע געפיל ווען מען מאכט חתונה א קינד אים צו העלפן אויך נאך די חתונה".

ביי באלעבאטישע משפחות איז פונקט פארקערט, האסט חתונה געהאט, גיי ארבעטן. אבער אז מען האט א קינד וואס לערנט, פון וואו זאל ער לעבן? איז פאר יעדע יום טוב, העלפט מען די קינדער.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה פארציילט מעשיות פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו, און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: דאס איז די סיפורי צדיקים פון מלוה מלכה. דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ווען מוהרא"ש האט אויסגעפינען אז זיין ווייב האט יענע מעשה לא עלינו, האט מוהרא"ש זיך זייער שטארק געבעטן ביי איר אז זי זאל נישט נעמען קיין טריטמענטס און זי גייט זיין געזונט.

מוהרא"ש האט געזאגט "איך קען נישט צוקוקן אז מיין ווייב זאל נעמען טריטמענטס, אז זי וועט נעמען טריטמענטס וועל איך אוועקגיין פון די וועלט פאר איר".

אבער די משפחה האט נישט מסכים געווען, זיי האבן אנגעקוקט מוהרא"ש ווי סתם א רב מיט א בית המדרש, זיי האבן געזאגט מען דארף פרעגן די דאקטוירים, די מומחים.

און דער ראש ישיבה האט ווייטער דערציילט און ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון מוהרא"ש, אז ווען די רביצין האט געזאגט אז זי וויל יא נעמען קימא רעדיעישן און מען האט געדארפט יעדן טאג פארן קיין מאנהעטן, האט מיך מוהרא"ש געקאלט איך דארף א טובה פון דיך, שטעל מיך צו א בחור וואס זאל טראגן מיין ווייב יעדן טאג אהין און צוריק.

איך האב געדארפט האבן א קאר, האב איך אנגערופן א בחור וואס האט געלערנט אין ישיבה די ערשטע יאר ווען די ישיבה האט זיך געעפנט תשס"ט, ישעי' בערגער הי"ו, און איך האב אים געבעטן אז איך דארף האבן א קאר פאר מוהרא"ש. איך האב געוויסט אז איינער וואס האט געלערנט דא אין ישיבה, אפילו אויב ער האט זיך נאר געדרייט דא, האט דער ראש ישיבה מיט מוהרא"ש איינגעקריצט אין הארצן.

איך האב גענומען מנחם מענדל שימשאוויטש הי"ו ער זאל דרייוון יעדן טאג. ער איז געווען א קלוגער בחור, ער האט פארשטאנען אז די רביצין קען נישט ארויפגיין די קליינע סטעפ ביז די מיני וואן, האט ער געקויפט א סטעפ סטול און יעדן טאג ווען די רביצין איז ארויסגעקומען האט ער געעפנט די סטול, און זי איז אריינגעגאנגען אין די קאר.

ווען זי האט געענדיגט די



טריטמענטס האט מוהרא"ש געקאלט דער ראש ישיבה פרעגן די פונקטליכע נאמען ווי אזוי דער בחור הייסט, און מוהרא"ש האט אים געקויפט א מתנה. איי דאס איז דאך די גרעסטע מתנה פאר אים, אז מען נעמט א בחור און ער קען עפעס טון פאר א צדיק... מוהרא"ש האט אים געגעבן א שיינע טייערע זילבערנע בעכער איינגעקריצט אין דעם 'מזכרת הכרת הטוב מאת מוהרא"ש לכבוד מנחם מענדל שימשאוויטש'.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה גערעדט פון דעם אז אין אנהייב האט ער נישט געוויסט אז מוהרא"ש מוטשעט זיך, די לעצטע פאר יאר האב איך אנגעפאנגען כאפן אז ס'איז נישט דא דארט קיין לחם לאכל. די גאנצע געלט גייט אלעס פאר הדפסה, דרוקן און שרייבן ספרים און קונטרסים.

איך אנגעהויבן אויסצא7לן מוהרא"ש'ס גראסערי, איך בין געגאנגען צום גראסערי און געגעבן א קרעדיט קארטל צו אויסצאלן מוהרא"ש'ס גראסערי יעדע וואך, איך פלעג איך געבן פאר מוהרא"ש יעדע וואך 500 $. אבער דער ראש ישיבה האט געזאגט מיט ווייטאג, ס'טוט מיך אזוי וויי אז איך האב נישט געטון מער.

מוהרא"ש האט מיך געבעטן איך זאל זאגן פאר די בחורים זאלן אריינברענגען געלט צו אויסטיילן אין יבנאל עסן פאר קמחא דפסחא. ביי מיר אין קאפ איז דעמאלטס געווען צוואנציג טויזנט דאלער אסאך געלט. איך האב געמיינט איך גיי באקומען א wow אז איך האב געברענגט צוואנציג טויזנט דאלער פאר מוהרא"ש. אבער מוהרא"ש האט מיך געפרעגט: דאס איז די גאנצע? איך האב געמיינט אז דו גייסט מיך ברענגען עפעס. ביז היינט טראכט איך, פארוואס האב איך נישט געברענגט מער?

ווען מוהרא"ש איז נפטר געווארן, פלעגט מיך עס ממש פייניגן ביינאכט, איך האב נישט געקענט שלאפן. איך האב געפילט אזוי גילטי, אז איך האב אפשר געקענט צוגעבן נאך יארן.

פארוואס האט א צדיק געדארפט דאגה'נען וועגן געלט, געלט דארף נישט זיין זיין דאגה.

אינמיטן האט זיך געהערט א קלאפ אין טיר און ס'איז אריינגעקומען נאך א בחור. ווען דער ראש ישיבה האט אים געזאגט אז ער זאל זיך גיין וואשן פאר מלוה מלכה, האט ער געענטפערט אז ער האט זיך שוין געוואשן.

ער האט אויסגעזען אביסל צובראכן, האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו

**איך וויל דו זאלסט גיין נאך געלט. איין טאג גייסטו זיין א גרויסער עושר, און נאר אז דו גייסט נאך געלט וועסטו האבן א געפיל צו געבן צדקה.**

אים: "האסט זיך שוין געוואשן אדער מען האט דיר באוואשן?" און דער ראש ישיבה האט אים גלייך נאכדעם געפרעגט: "וואס איז אז דיין זיידע האט דיר געזאגט א ווארט וועגן ברסלב? רבי נתן'ס טאטע האט אים אויך געזאגט אז מען האט נישט געהאלטן פון רבי'ן. איז וואס?"

דער ראש ישיבה האט געבעטן איינער פון די בחורים זאלן זיך אויפשטעלן און אים געבן א געהעריגע בענקל, און יענע בחור זאל גיין זיצן אויף א סטול. דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: "אזוי איז עס, די וואס זענען צובראכן געבט מען א געהעריגע בענקל, און די וואס קענען זיך א עצה געבן זיצן אויף סטולס".

דער ראש ישיבה האט דערציילט וועגן די קאנטרי אילן החיים וואס מען האט פאריאר געקויפט פאר די מוסד, אז מען האט עס נישט געקויפט מיט קיין מארגעדש און דער ראש ישיבה איז געבליבן מיט אסאך חובות פון דעם.

דער ראש ישיבה האט פארציילט: "די וואך דאנערשטאג איז צוגעקומען צו מיר א יונגערמאן אז ער דארף שוין צוריק הונדערט טויזנט דאלער וואס ער האט מיר געבארגט צו קענען קויפן די קאנטרי, דער אייבערשטער וועט מאכן א נס די וואך, דער אייבערשטער וועט מיך העלפן איך זאל קענען באצאלן".

דער ראש ישיבה האט געבעטן די בחורים אז זיי זאלן גיין נאך געלט פאר די ישיבה, האט זיך איינער אנגערופן: "וואס דארף איך גיין נאך געלט, מיינע פאר דאלער וואס איך ברענג אריין טוט עפעס אויף?"

האט דער ראש ישיבה געזאגט: "קודם כל וויל איך דו זאלסט גיין נאך געלט. איין טאג גייסטו זיין א גרויסער עושר, און נאר אז דו גייסט נאך געלט וועסטו האבן א געפיל צו געבן צדקה".

מוהרא"ש שרייבט אין אשר בנחל, פארוואס האט סאטמארער רבי געהייסן זיינע בחורים גיין נאך געלט? זענען געקומען עלטערן צום סאטמארער רבי, וואס דארף דער רבי? איך געב פאר'ן רבי'ן וויפיל געלט דער רבי וויל, אז מיין זון זאל נישט דארפן גיין נאך געלט. האט אים סאטמארער רבי געזאגט: "איך דארף נישט דיין געלט, איך וויל דיין זון זאל גיין נאך געלט".

דעמאלטס איז געווען אזוי פארשעמט די זאך פון גיין נאך געלט ערגער ווי היינט, ס'איז געווען א נייע זאך דא אין אמעריקע, מען האט ארויסגעווארפן די סאטמארע בחורים פון יעדע שול.

שרייבט מוהרא"ש: "ס'איז

אריבערגעגאנגען פופציג יאר, היינט פארשטייט מען די רוח הקודש פונעם צדיק. די גרעסטע בעלי צדקה זענען חסידי סאטמאר, ווייל זיי זענען געגאנגען נאך געלט, וועגן דעם האבן זיי א געפיל צו די וואס גייען נאך געלט".

אמאל איז געקומען א איד צום רבי'ן, א גרויסער עושר, און ער האט פארציילט זיינע עבירות. האט אים די רבי' געזאגט, איך וויל דו זאלסט יעדן טאג עסן א סעודה מיט פיש און פלייש.

זאגט ער, אבער רבי! איך האב געזינדיגט! האט אים דער רבי מסביר געווען, דו האסט אסאך געלט, אז איך וועל דיך הייסן פאסטן און עס וועט קומען א איד צו דיך נאך געלט, וועסטו טראכטן איך פאסט דאך, מען קען לעבן אזוי, און דו וועסט אים נאר געבן אפאר קאפיקעס. אבער אז דו וועסט זיצן ביי א טיש מיט פלייש און פיש און א איד וועט קומען נאך געלט, וועסטו אים געבן!

דאס איז די זאך פון גיין נאך געלט.

און דער ראש ישיבה האט ווייטער פארציילט: ווען איך גיי צו א חתונה געב איך געלט פאר יעדע געלט גייער. פארוואס? ווייל איך בין געגאנגען יעדע נאכט נאך געלט אלס בחור. ס'איז שוין אריבערגעגאנגען צוואנציג יאר וואס איך גיי נישט נאך געלט ביי חתונות, אבער איך געדענק פונקטליך ווי אזוי איך האב געפילט. איך געדענק ווי איך גיי נאך געלט אין ויואל משה זאל, איך גיי דורך די גאנצע זאל און קיינער האט מיך נישט געגעבן! נישט אלס ברסלב, ס'איז געווען נאך פאר איך בין מקורב געווארן צו ברסלב.

איך בין געווען אפגעפאטשט אינעווייניג, קיינער האט מיך אפילו נישט געזאגט איך האב נישט... יעדער איינער וואס האט מיך עפעס געזאגט פלעג איך זאגן תזכו למצוות. מענטשן פלעגן מיך פרעגן, פארוואס זאגסטו תזכו למצוות? פלעג איך זאגן ווייל דאס איז מיין מצוה, דו זאגסט מיך איך האב נישט, ווייס איך אז איך קען גיין צו די נעקסטע מענטש. היינט, ווען איך זע'

ביי א חתונה, ווי שווער ס'זאל מיך נאר זיין, מען קומט נאכאמאל און נאכאמאל, געב איך פאר יעדעם איינעם.

איך האב אזא זאך איך שיק נישט אוועק קיין געלט גייער. יעצט איז געווען חנוכה, איך וואוין אין א גרויסע בילדינג און קינדער קומען קלאפן א גאנצן צייט, זאג איך אלס פאר מיין ווייב: געב אים עפעס. אפילו איך האב שוין געגעבן פאר יענע מוסד, אדער אפילו איך האב גארנישט מיט יענע מוסד, ווייל אויב דו שיקסט אים אוועק גייט ער מער נישט

**דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו א חתן: איך האב געבארגט געלט אז דיין שידוך זאל קענען ווערן!**

וועלן גיין נאך געלט.

און נאכדעם כל, וואס הייסט אויב דיין גיין נאך געלט טוט עפעס אויף? די בחורים ברענגען אריין זייער שיין, ס'איז שוין געווען צוויי מאל די ווינטער א שבת התוועדות פאר די בחורים, ס'איז שוין אריינגעקומען פון דעם זעכציג טויזנט דאלער צו קענען באצאלן חובות.

אז מען האט שוין געשמועסט וועגן שבת התוועדות האט דער ראש ישיבה גערעדט פון דעם אז אפשר קען מען עס נעקסטע מאל מאכן אין

שטעטל. האט זיך איינער אנגערופן אז אויב ס'איז אין שטעטל איז עס נישט אינטערעסאנט... האט דער ראש ישיבה געפרעגט פארוואס? ווייל די יונגעלייט גייען ארויפקומען? נעקסטע יאר ביסטו דאך דער יונגערמאן!

דערנאך האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: דאס איז מיינע חובות? דאס איז דיינע חובות! דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו א חתן: איך האב געבארגט געלט אז דיין שידוך זאל קענען ווערן!

פארוואס דארף איך א קאנטרי? ווייסט וואס מען האט געטון אין קאנטרי א גאנץ זומער? מען האט גערעדט אויף דער ראש ישיבה. אלע זענען פרישע מקורבים און איינעם באדערט די רולס אין סווימינג פול פארוואס מען מעג נישט שווימען מיט א בעידינג סוט, איינער שרייט וואס געבט מען נישט קיין געהעריגע עדשוקעישן אין סקול, איינער זאגט פארוואס דארף מען חתונה מאכן יונג... יעדעם באדערט עפעס אנדערש. פארוואס דארף איך א קאנטרי? נאר פאר דעם אז אפשר וועט נאך איינער אביסל מקורב ווערן, אז דיין כלה'ס משפחה זאל מקורב ווערן און דיין שידוך זאל קענען ווערן.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה ווייטער גערעדט וועגן דעם אז יעדע קלייניקייט מאכט אויס, למשל פון פושקעס איז שוין אריינגעקומען איבער דרייסיג טויזנט דאלער. איינער האט זיך אנגערופן אז סטאר פושקעס ברענגט אריין אסאך געלט, אבער מען דארף האבן איינער וואס זאל זיך אפגעבן דערמיט. האט אים דער ראש ישיבה געזאגט אז ווען יוסף איז געקומען זאגן פאר פרעה די גוטע עצה אז מען דארף אויפנעמען א קלוגע מענטש, האט אים פרעה געזאגט נו אפשר ביסטו דער קלוגער מענטש? און דער ראש ישיבה האט אים געבעטן אויב ער קען אפשר זיין דער מענטש צו צאמנעמען די סטאר פושקעס.

איינער האט פארציילט אז ווען ער גייט נאך געלט ביי א חתונה גייט ער

צו די אויבנאן און ער בעט פון יעדע רבי א ברכה. האט אים דער ראש ישיבה געפרעגט פארוואס? האט ער געזאגט וויל דער הייליגער רבי זאגט אז מען זאל גיין נעמען א ברכה פון יעדע ערליכער איד. האט אים דער ראש ישיבה געזאגט: אז דו ווילסט א ברכה פון א ערליכער איד, גיי ארום צו יעדע טיש אפשר וועסטו טרעפן א באהאלטענע צדיק. אז דו ווילסט זיי מקרב זיין, בעט א ברכה און נאכדעם געב א קונטרס.

אבער נאכדעם האט אים דער ראש ישיבה געזאגט: ס'איז נישט געמאכט פאר דיר, אז מען גייט צו א רב צו דארף עס זיין מיט א מורא'דיגע דרך ארץ, מען דארף זיין זייער קלוג און איידל צו קענען מקרב זיין א רב. אז איינער גייט צו א רב וואס לערנט א גאנצן טאג מיט א קונטרס וואס איז געמאכט פאר א בחור'ל, פארשעמסטו ברסלב. מען דארף וויסן ווי אזוי מען בייגט זיך צו א רב, ווי אזוי מען רעדט צו א רב, וואס אזוי קען מען אים מקרב זיין.

אז דו גייסט הפצה קענסטו נישט פארשעמען דעם רבי'ן, מען דארף רעדן צו א עלטערער מענטש מיט דרך ארץ.

און וועגן בעטן ברכות האט דער ראש ישיבה געזאגט, בעט פון מפיצים א ברכה, בעט א ברכה פון דיינים. דער הייליגער רבי זאגט אין ליקוטי מוהר"ן אז א דיין וואס פסקנ'ט הלכה קען פוקד זיין עקרות, א אינגערמאן וואס קען נישט האבן קיין קינדער שיק איך אים צום דיין אין קרית יואל הרה"ג ר' געציל בערקאוויטש שליט"א און צו אנדערע דיינים. זאג אים דו דארפסט א ברכה פאר קינדער, וויל דער הייליגער רבי זאגט אין ליקוטי מוהר"ן אז איינער וואס פסקנ'ט הלכות קען געבן קינדער.

איינער האט געפרעגט, ס'איז דא אפילו אזא זאך אז רבנים זאלן מקורב ווערן? האט דער ראש ישיבה געזאגט: אוודאי, וואס איז די שאלה? רבנים דארפן אזויפיל חיזוק, דארפסט נאר וויסן ווי אזוי עס צו ברענגען צו אים.

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו איינעם: דיין זאך איז דו זאלסט ברענגען אלע רבנים פון וויליאמסבורג, אלע דיינים און רבנים זאלסטו ברענגען צום רבי'ן.

אינמיטן האט מען געהערט איינער קלאפט, און האברך אליעזר שמן הי"ו איז אריינגעקומען. מען האט געזינגען סימן טוב ומזל טוב, צום געבורט פון זיין מיידל וואס ער האט געהאט, און ער האט געמאכט א קידוש דעם שבת. דער ראש ישיבה האט אים געפרעגט: ווי אזוי הייסט די בעיבי? האט ער געענטפערט אז זי הייסט צבי'. האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן: נו, האסטו שוין א צבי' אויפן קאפ...

שפעטער האט דער ראש ישיבה פארציילט די באוויסטע מעשה, אז ס'איז אמאל געווען א ברסלב'ע איד ר' מאיר פון טעפליק. אנשי שלומינו פלעגן זיך צוזאמקומען ביי אים פורים נאכמיטאג. מען האט געדאווענט מנחה, דערנאך האט מען זיך געוואשן צו א סעודה

## אז דו גייסט הפצה קענסטו נישט פארשעמען דעם רבי'ן, מען דארף רעדן צו א עלטערער מענטש מיט דרך ארץ.

לכבוד פורים, און מען האט געטרינקען וויין. דערנאך האט מען אנגעהויבן טאנצן און זיך פרייען, איינמאל פורים בשעת מען האט געטאנצן באמערקט ר' מאיר ווי א איד זיצט אין די זייט און טאנצט נישט מיט. גייט ר' מאיר צו צו אים און ער פרעגט אים: ר' איד פארוואס טאנצטו נישט? דער איד קוקט אן ר' מאיר און זאגט אים: ווי אזוי קען איך טאנצן ווען איך האב א צבי' אויפן קאפ? איך האב א מיידל וואס איז שוין עלטער און איך האב נישט קיין געלט פאר קיין נדן און קיינער טראגט נישט אן קיין שידוך פאר איר.

דער ראש ישיבה האט מסביר געווען אז היינט ווער ס'האט א טאכטער - לויפט מען אים נאך מיט שידוכים. אמאל איז געווען פארקערט, אז איינער האט געהאט א מיידל האט ער געדארפט האבן געלט, אז נישט האט מען געקענט אפזיצן מיט איר אינדערהיים ביז זי האט באקומען ווייסע האר.

און דער ראש ישיבה האט ווייטער פארציילט: ער זיצט אין די זייט מרה שחורה'דיג, זאגט אים ר' מאיר קום טאנצן! זאגט ער ווי אזוי קען איך טאנצן? איך האב א צבי' אויפן קאפ!

רופט זיך ר' מאיר אן צו אים, דאס האט דער רבי אונז געלערנט? אז מען האט א צבי' אויפן קאפ זיצט מען ביי די זייט דערביטערטע?! דער רבי האט אונז געלערנט אז עס דרוקט אויפן הארץ גיסט מען זיך אויס דאס הארץ צום אייבערשטן! קום זאג מיך נאך, צרות לבבי הרחיבו ממצוקותי הוציאני! זיי האבן זיך גוט אויסגעשריגן, אויסגעוויינט, אויסגעטאנצן, און אויסגעלאכט.

נאך פורים ווען זיי זענען אהיימגעפארן אויפן וועג אהיים איז א איד פונקט איינגעשטאנען ביי ר' מאיר, און די מיידל צבי' האט אים זייער שיין באדינט, זי האט אים אריינגעברענגט א טיי מיט זופ, און ס'איז אים זייער געפאלן. פרעגט ער ווער איז די מיידל? זאגט ר' מאיר, ס'איז מיין טאכטער. פרעגט אים דער איד, און וואס איז מיט

שידוכים? זאגט ער וואס זאל איך טון אז מען טראגט נישט אן קיין שידוכים ווייל איך האב נישט קיין געלט פאר א נדן. זאגט יענע איד איך האב א בחור, ס'געפעלט מיך זייער די שידוך, איך דארף נישט קיין געלט. אזוי איז געווארן די שידוך!

אליעזר שמן האט זיך אנגערופן, נו אפשר האט דער ראש ישיבה א שידוך פאר מיין צבי'? האט דער ראש ישיבה געזאגט: מען דארף זען צו זי וועט זיין א צניעות'דיגע מיידל. און דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ער האט געמאכט א שיינע ניגון וועגן צניעות וואס מען האט אויפגעשפילט פאר די מיידלעך ביי זייער שבת התוועדות, און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער וויל ארויסגעבן א סידי וועגן צניעות, פאר פרויען און מיידלעך.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה פארציילט אז א מיידל האט געפרעגט צו ס'האט א פשט צו פרעגן דער ראש ישיבה שאלות אויף צניעות, ווייל דער ראש ישיבה ענטפערט סיי ווי נישט. רוב מאל ווען מען פרעגט דער ראש ישיבה א שאלה וועגן צניעות, ענטפערט דער ראש ישיבה אז מען דארף בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל האבן א געפיל פאר צניעות.

האט דער ראש ישיבה געזאגט: אוודאי' זאל מען ווייטער פרעגן, אז מען וועט הערן נאכאמאל און נאכאמאל די תשובה, וועט מען עס אנהייבן טון, מען וועט אנהייבן בעטן דעם אייבערשטן צו האבן א געפיל פאר צניעות. ווייל ס'איז דא זאכן וואס מען קען ענטפערן אז ס'איז פריצות, אבער רוב שאלות אין צניעות, 90 פראצענט איז אזוי ווי א גרעי' עריע, דארף מען בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל האבן א געפיל.

איינער פון די קינדער איז ארויסגעקומען פון בעט, האט דער ראש ישיבה אים שטרענג געזאגט: מען דארף אריינגיין אין בעט! נאר אז מען פאלגט האט מען א גוט לעבן.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז

**דא אין שטעטל טראכט מען, מן הסתם איבעראל רעדט מען צום אייבערשטן, אלע מוסדות לייגן אריין אמונה, מען זיצט אין שטעטל און מען האט נישט קיין אנונג וואס טוט זיך אין די וועלט.**

א פרוי וואס וואוינט אין שטעטל האט זיך באקלאגט אז אין שטעטל איז דא איין חסרון. ווען זי האט געוואוינט אין וויליאמסבורג און זי פלעגט ווארטן ביי די באסעס יעדע צופרי, פלעגט זי הערן ווי די פרויען רעדן זיך אפ, איין מאמע זאגט אז אין די מוסד שיקט מען אהיים, און א צווייטער זאגט אז אין יענע מוסד קען מען נישט צוריקקומען ווייל מען האט נישט געענדיגט די פיינעלס, און דארט שיקט מען אויף טעראפי, האט זי געוויסט אז זי איז לאקי אז זי שיקט אויף ברסלב. אבער דא אין שטעטל טראכט מען, מן הסתם איבעראל רעדט מען צום אייבערשטן, אלע מוסדות לייגן אריין אמונה, מען זיצט אין שטעטל און מען האט נישט קיין אנונג וואס טוט זיך אין די וועלט.

מען האט געשמועסט וועגן די טעססטס און פיינעלס וואס מען געבט פאר די מיידלעך אין סקולס, ס'איז געווען דארט א בחור וואס זיין מאמע איז א מנהלת און זי מאכט שווערע טעססטס און פיינעלס פאר מיידלעך אין סקולס. האט זיך דער ראש ישיבה געווערטלט און אים געזאגט: זאג פאר דיין מאמע אז זי זאל ווייטער אנגיין מקרב צו זיין אלע אידן צום אייבערשטן. ווייל אזוי איז עס, אז עס גייט איבער אויף די מיידלעך, ווערן זיי נאכדעם מקורב צום רבי'ן.

שפעטער האט דער ראש ישיבה פארציילט אז איינער איז אריינגעקומען צו דער ראש ישיבה'ס אפיס זאגן אז ס'איז דא א וועג ווי אזוי מען קען מאכן זייער גרינג געלט, ביז אפאר טעג קען זיין אלע חובות פון דער ראש ישיבה אפגעווישט. מען דארף נאר טראגן די קינדער פון חדר יעדן טאג צו עפעס א קעיר סענטער, אז די קינדער זאלן זיך שפילן דארט אין די דזשים, די אינשורענס צאלט עס און ס'קומט אריין געלט.

דער ראש ישיבה האט אים ארויסגעשיקט פון אפיס און געזאגט: איך ווארן דיר, ריר נישט אן מיינע קינדער. האט דער אינגערמאן געזאגט: ס'איז גארנישט, אנשטאט גיין אין פארק גייט מען אהין דארט, און די קינדער קענען זיך דארט אויסגעבן, האט דער ראש ישיבה אים אנגעווארנט: לאז אפ מיינע קינדער.

דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם אז ברוך השם אונז האבן גוטע מלמדים און גוטע טיטשערס פאר די קינדער.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ער איז געווען אין שטעטל חדר, און מען האט געלייגט תפילין פאר א פרישער בר מצוה בחור, דערנאך איז געווען א לחיים, און דער ראש ישיבה האט ארויפגעשיקט פאר א מלמד וואס איז געווען אין קלאס - א שטיקל קעיק פון די לחיים. שפעטער האט אים דער ראש ישיבה געפרעגט: נא, האסט זיך געשפירט גוט אז דער ראש ישיבה טראכט פון דיר? אזוי שפירט א קינד אין קלאס ווען דו געבסט אים עפעס, און דו קוקסט זיך אום אויף אים.

איינער האט פארציילט פאר דער ראש ישיבה אז ער האט געהאט א מלמד וואס ער האט געברענגט א לאלי אין קלאס און געזאגט אז ווער ס'גייט דאווענען די שענסטע גייט באקומען די

לאלי. אלע קינדער האבן געקוקט אויף דעם א גאנצן צייט און יעדער האט עס געוואלט באקומען, נאכן דאווענען זאגט די מלמד: אלע קינדער האבן אזוי שיין געדאווענט, יעדער וועט באקומען א שטיקל. און ער האט גענומען די לאלי

**ביז איין טאג אויפן צווייטן האט מוהרא"ש געהייסן אלע תלמידים זאלן זיך אנטון ווייסע זאכן. אויך האט מוהרא"ש געזאגט פאר רבי יצחק שליט"א טו דיך אן ווייסע זאכן. געוויסע מענטשן האבן עס נישט געקענט נעמען.**

און עס צוקראכט און געגעבן פאר יעדע קינד א שטיקל. און יענער האט געזאגט אז ער געדענקט נאך די גוטע טעם פון יענע לאלי... האט דער ראש ישיבה זייער הנאה געהאט און געזאגט: דאס איז גוט, מען דארף גארנישט געבן פאר קינדער, ס'איז אלעס ווי אזוי דו לייגסט עס אראפ.

אליעזר שמן - דער מענעדשער אין שטעטל חדר - האט געפרעגט וואס ער זאל טון ווען ער זעט א קינד אינדרויסן פון קלאס וואס דער מלמד האט אים ארויסגעשיקט, צו ער מעג שמייכלען צו אים. זאגט דער ראש ישיבה: נישט סתם שמייכל צו אים, נאר מאך אים פילן וויכטיג. זאג אים קום אהער העלף מיך ארויסשלעפן די באקס פון די קאר. מאך ווי דו האסט יעצט עפעס א וויכטיגע זאך וואס מען דארף טון. אנשטאט דו זאלסט לויפן אראפ און ארויף, מאך אים וויכטיג, זאג אים קום אהער, טראג ארויף דאס אויבן. אבער זאג פאר די רבי אז דו גייסט אים יעצט ניצן, כדי ער זאל נישט נאכדעם דארפן גיין זוכן דעם קינד.

אינמיטן די שמועס האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: ברוך השם אליעזר גייט ווייסע זאכן. האט איינער געפרעגט: פאר וועם זאגט דער ראש ישיבה יא וואס צו טון און פאר וועם נישט? האט דער ראש ישיבה געזאגט: איך געב זייער אכטונג נישט צו זאגן פאר א מענטש א זאך וואס ער קען נישט הערן. אבער ס'איז נישט אז אליעזר קען איך יא זאגן, נאר די פרט האב איך פארשטאנען אז אליעזר גייט עס קענען הערן האב איך אים עס געזאגט. און ווער זאגט אז איך זאג פאר אליעזר אלעס וואס איך וויל אים זאגן?

א בחור האט געפרעגט דעם ראש ישיבה: אויב איך גיי גיין מיט ווייסע זאכן שבת, מיינט עס אז מיינע קינדער גייען אויך מוזן גיין מיט ווייסע זאכן? האט דער ראש ישיבה אים געענטפערט: און אויב דו גייסט נישט גיין ווייסע זאכן, מיינט עס אז דיינע קינדער דארפן נישט גיין ווייסע זאכן? ווייסע זאכן האט נישט צו טון אויב דיין טאטע גייט ווייסע זאכן אדער נישט, ווייסע זאכן דארף מען גיין ווייל היינט איז דאס די אידישע מלבוש.

פארוואס דארף איך גיין מיט א שטריימל? ווייל די זינגערס גייען מיט א שטריימל, און ס'איז היינט סטייליש צו גיין? איז דאך שוין די שטריימל נישט קיין חסידיש'ע מלבוש, איז עס שוין נישט דאס פארוואס מען איז געגאנגען מיט דעם ביז היינט. אז מענטשן מחללי שבתים גייען מיט דעם, אז מענטשן מיט געשווירענע בערד גייען מיט דעם, איז דאס שוין נישט די חסידישע לבוש היינט. מען גייט מיט דעם וועגן פאר פופציג יאר צוריק זענען די ערליכע אידן געגאנגען מיט דעם.

ווייסע זאכן גייט איינער וואס וויל זיין ערליך, חסידיש - אזוי שרייבט מוהרא"ש, דאס איז נישט וואס איך זאג.

און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז דאס איז זייער א אינטערעסאנטע זאך, ווייל מוהרא"ש האט אייביג חוזק געמאכט פון ווייסע זאכן, ביז איין טאג אויפן צווייטן האט מוהרא"ש געהייסן אלע תלמידים זאלן זיך אנטון ווייסע זאכן. אויך האט מוהרא"ש געזאגט פאר רבי יצחק שליט"א טו דיך אן ווייסע זאכן. געוויסע מענטשן האבן עס נישט געקענט נעמען. אבער רבי יצחק האט געוויסט אז דאס איז מיין צדיק - ער מאכט מיך נאנט צום אייבערשטן, און אים גיי איך פאלגן.

דערנאך האט מען געזינגען זמירות; נאכן זינגען האט דער ראש ישיבה געזאגט: יעצט זאל יעדער זאגן עפעס א ווארט פון רבי'ן. מען איז געגאנגען אין א רייע און יעדע בחור האט געהאט די געלעגנהייט צו זאגן א שיינע שיחה פון רבי'ן.

איינער האט געזאגט די שיחה פון "קליינע קינדער מוצאי מיט האניג". האט דער ראש ישיבה פארציילט אז די מעשה איז פארגעקומען די לעצטע ראש השנה ביים רבי'ן, ס'איז געווען נאר אביסל האניג אויפן טיש, און דער רבי האט געזען ווי איינער נעמט די האניג



און ער לייגט עס אראפ אונטערן טיש, אז ער זאל עס האבן פאר זיך.

ס'איז געווען דארט נאר איין סינק זיך צו וואשן, און ער האט זיך געמאכט א חשבון אז ביז ס'וועט קומען זיין רייע זיך צו וואשן וועט שוין נישט איבערבלייבן קיין האניג פאר אים. בשעת מעשה האט דער רבי גארנישט געזאגט, אבער שפעטער אינמיטן די סעודה האט דער רבי זיך אנגערופן "קליינע קינדער מוצאי מיט האניג".

שפעטער האט איינער געזאגט די שיחה וואס דער רבי האט געזאגט פאר רבי נתן אין חלום "דראפע זיך און דערהאלט זיך"! האט דער ראש ישיבה פארציילט אז ס'איז געווען מוצאי שבת און רבי נתן האט גע'חלומ'ט ווי ער קריכט אויף א לייטער און ער פאלט, האט ער געזען ווי איינער שרייט צו אים דראפע זיך און דערהאלט זיך. ער האט נאכדעם געהאט געזען דעם רבי'ן, ווען ער איז געקומען צום רבי'ן האט ער געזען אז דאס איז געווען דער רבי. און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דאס שרייט דער רבי פאר יעדע איד "דראפע זיך און דערהאלט זיך"!

האט זיך איינער אנגערופן: איז עס דען א שיחה פון רבי'ן? דער רבי האט עס אים נישט געזאגט, רבי נתן האט עס נאר גע'חלומ'ט. האט דער ראש ישיבה געזאגט: זיכער איז עס א שיחה פון רבי'ן, דער רבי איז אים געקומען אין חלום, ס'איז געווען אזוי ווי א נבואה.

מען איז אריין אין א שמועס וועגן חלומות, האט דער ראש ישיבה פארציילט: מענטשן קומען מיך זאגן איך האב גע'חלומ'ט פון דער ראש ישיבה די נאכט, זאג איך אים: איך ווייס נישט, איך בין פיין געשלאפן די נאכט. און דער ראש ישיבה האט געזאגט: צו מיר זאלסטו נישט רעדן פון חלומות.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז איינער האט אים געזאגט דאנערשטאג נאכט אז ער האט גע'חלומ'ט אז דער ראש ישיבה זאגט אים ער זאל קומען אויף שבת קיין וויליאמסבורג, ס'גייט זיין א שיינע שבת. האב איך אים געזאגט: דו קענסט קומען אויף וויליאמסבורג, און ס'גייט זיין א שיינע שבת, אבער איך בין פיין געשלאפן דאנערשטאג ביינאכט. רבי נתן פלעגט זאגן ווען מען איז אים געקומען דערציילן פון חלומות "דערצייל מיר וואס דו טראכסט ווען דו ביסט אויף".

דער ראש ישיבה האט אבער צוגעלייגט: מיט דעם אלעם קען מען עס נישט אוועקמאכן, ווייל ס'איז דא בריוון וואס מענטשן שרייבן פאר מוהרא"ש אז זיי האבן געזען דעם רבי'ן אין חלום, און מוהרא"ש שרייבט זיי: וואויל איז דיר אז דו האסט זוכה געווען צו זען דעם רבי'ן אין חלום. ווייל ס'איז א שיחה פון רבי'ן, דער רבי האט געזאגט: "צו אסאך מענטשן באווייז איך זיך אין חלום".

איינער האט געפרעגט דעם ראש ישיבה אויב ער האט אמאל גע'חלומ'ט פון מוהרא"ש. האט דער ראש ישיבה געזאגט: יא, אסאך מאל. איך האב אסאך שיינע חלומות פון מוהרא"ש.

א בחור האט געוואלט וויסן, אויב מען האט א חלום פון דער ראש ישיבה צו דאס מיינט עפעס, ווייל ער האט געהערט איינער האט געהאט א חלום ווי דער ראש ישיבה זאגט אים וואספארא נאמען צו געבן פאר זיין קינד. האט דער ראש ישיבה אים געענטפערט: וואס באדערט דיר? וואס האט עס מיט דיר? איך האב געזען בריוון אין עצתו אמונה ווי ס'שטייט "אך און ווי" אז דו וועסט רעדן צו מענטשן פון חלומות".

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר דעם בחור: "איך בין נישט קיין צדיק, אז דו האסט ליב רבי'ס גיי צו רבי'ס. וואס ווילסטו פון מיר? וואס וועט זיין אז דו וועסט מיר איינרעדן אז איך בין א רבי און איך וועל מיך לאזן איינרעדן פון דיר, וועסטו נאכדעם ליידן פון דעם".

דערנאך האט דער ראש ישיבה גערעדט פון די סדרה, דער רבי פרעגט, יוסף הצדיק האט איבערגעלאזט א סוד, ווי אזוי גייט מען וויסן ווער די גואל איז? ווער ס'גייט זאגן פקוד יפקד. דעמאלטס וואס איז די סוד? אויב אלע ווייסן אז דאס איז וואס מען דארף זאגן, קען דאך יעדער איינער קומען און דאס זאגן, איז דאך דאס נישט קיין סימן?

האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער האט געהערט פון א ברסלב'ע חסיד אז טאקע יעדער קען עס זאגן, אבער מען זאגט עס נישט! אז איינער קומט מחזק זיין אידישע קינדער "רעד צום אייבערשטן, דער אייבערשטער גייט דיך העלפן", איז ער דער גואל. יעדער קען דאס זאגן, אלע רבי'ס, אלע מגידי שיעורים ווייסן פון רעדן צום אייבערשטן, אבער מען זאגט עס נישט.

א מענטש גייט אריין אין א קטנות הדעת ער פארגעסט פונעם אייבערשטן, די אידן אין מצרים זענען געווען אזוי דערביטערט, אזוי פארלוירן, קומט משה רבינו און ער זאגט: "דער אייבערשטער גייט אונז אויסלייזן, דער אייבערשטער וועט אונז נישט פארלאזן". דער איז דער אמת'ער גואל!

דערנאך האט מען געבענטשט, נאכן בענטשן האבן אלע בחורים געהאלפן אראפרוימען פון טיש און ביז אפאר מינוט איז געווארן אויפגערוימט.

נאכן אפרוימען האט דער ראש ישיבה געזאגט א גוטע וואך, א גוטע וואך! גייטס שלאפן, רוטס ענק אויס. מען דארף גיין שלאפן ביינאכט, ביינאכט שלאפט מען און צופרי שטייט מען אויף, אז נישט הייבט מען אן צו ווערן פארוואלוועלט. אז מען שטייט אויף נאכמיטאג הייבט מען אן קוקן אויף אים ווי א פיפטע ראד.

איינער האט געפרעגט וואס טוט מען אויב מען קען נישט איינשלאפן? האט דער ראש ישיבה געזאגט: אז איין נאכט קען מען נישט שלאפן, לערנט מען. אבער ווען ס'קומט צופרי דארף מען אויפשטיין.

שכח אייבערשטער אז איך האב געקענט מיטהאלטן אזא הערליכע מלוה מלכה ביים ראש ישיבה שליט"א, ווי איך האב זיך ארויסגעלערנט אזויפיל שיינע זאכן פארן לעבן.

# קלאסיפיידס

ברסלב
שטיצט ברסלב

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*


## קרית ברסלב ספרים סטאר
51 Twin Bridge Liberty NY 12754

מיר האבן א גרויסע אויסוואל פון אלע
ספרים, ביכלעך און דזשודעיקא אייטעמס,
פאר אייך און די גאנצע משפחה.
עס לוינט זיך א טריפ פון איבעראל.
לייבי ראטה
347-578-4449

בס"ד

## KB BUSINESS SOLUTIONS
BOOKKEEPING SERVICES

We take care of all your bookkeeping and billing needs

Ephraim Feldman
845-587-2421
kbbsbookkeeping@gmail.com

## Linen Boutique
Linen • Towels • Tablecloths

**Full line of fine quality Linen, Towels and Tablecloths**

**Our satisfied customers** is our brand

Please contact **Breindy Tyrnauer**
**347-228-2931**
75 Twin Bridge Rd. • Liberty NY 12754




ווילט איר האבן א חלק אין א גרויסע מצוה פון געבן א סעט שיך פאר א ארימע משפחה?
רופט אלחנן חיים רוטה
347-633-4495

For all your Plumbing needs big or small 24 Hour emergency
Call Lazer Maintenance
**917-202-1206**

# מִיט / אָן אַ צדיק

”עס ליגט אין דיינע הענט“

ח.ש.

אלע קינדער זענען אזוי פריילך,
זיי טאנצן, שפרינגען זייער גליקליך.
זיידי מיט באבי קומען באזוכן,
מאמי מיט א שמייכל די טעפ טוט מישן.

אלע קינדער זענען אזוי פריילך,
זיי טאנצן, שפרינגען זייער גליקליך.
זיידי מיט באבי קומען באזוכן,
מאמי פרעגט: ביז ווילאנג ווען זיי דא אפזיצן?!

מען קאכט, באקט און באלאנען מען הענגט,
צו זיידי און באבי יעדער בענקט.
ש'כח אייבערשטער עס קומען געסט,
דאס איז פאר אונז די מתנה די בעסט.

קולות עס גייט 'מיש די עסן עס ווערט פארברענט',
רייב גוט אפ אלע ווענט.
וואס מיינען זיי אז אונז האבן פלאץ אין אונזער נעסט,
זיי זאלן קומען דא ווי אויף קעסט.

טאקע עס איז דא איבערגעדרייט,
אבער יעדע קינד זיך פריידט.
א מחי'ה א משפחה מיט געזונטע קינדער,
דאס איז דאך איינע פון די גרעסטע וואונדער.

באבי קומט, וואס איז דא איבערגעדרייט,
עס פליט פעטש און יעדער שרייט.
זייט שוין שטיל קינדער,
איך דארף נישט אויסרעכענען יעדער באזונדער.

אלע שטייען שוין ביים טיר,
זיידי — באבי זענען דא, אזוי פריילך זענען מיר.
טאקע די עסן האט זיך אביסל צוגעברענט,
אבער יעצט מיט זיידי און באבי מען פארברענגט.

א קלאפ עס הערט זיך אויפן טיר,
איך קען זיך נישט געבן קיין ריר.
די שמוץ וועש פליט,
טאטי! האלט זיי אויף ביים טיר פאר צוויי מינוט.

אזא נחת רופט זיידי אויס,
פון באבי'ס אויג א טרער רינט ארויס.
ווען די רייד פון די קינדער זיי טוען הערן,
די שמייכל פארשפרייט זיך זייער גערן.

א גוטן באבי זאג איך ארויס,
בשעת ווען פאר שרעק איך גיי אויס.
וואס גייען די קינדער זאגן,
אין וואספארא שמועס גייט באבי פארפארן.

באבי, אונזער מאמע האט אונז ליב,
אפילו ווען די הויז קוקט אויס א לייבן גרוב.
זי רעדט שיין צו אונזער טאטע אלעמאל,
דאס איז די שענסטע זאך וואס אונז האבן נאר באקומען אמאל.

באבי געב א קוק אונטערן בעט,
אוי, אלעס איז פארשמירט, שמוציג און פעט.
יא באבי מיין מאמע וויל די הויז זאל זיין ריין,
ווי א שפיטאל מסודר, גלאנציג און שיין.

זיידי פרעגט: וואס איז געשען מיט די קינדער?
באבי זאגט: אזוי מחונכ'דיג יעדער באזונדער.
מאמי ענטפערט: יא דאס איז דער ראש ישיבה שליט"א'ס שיעורים,
טאטי לייגט צו: און מוהרא"ש זי"ע דיבורים.

באבי האט שכל אביסל,
שנעל איז זי מסדר איר טיכל.
קום אפציען פון דא געבט זי ווינק,
זיי רופן זיך אן: מיר קומען באלד צוריק.

**איז וועלכע לעבן ווילסטו?**

**מיט א צדיק? צו אן א צדיק?**

**די בחירה ליגט אין דיינע הענט.**

# מעשה פון תפלה
# פאר קינדער

א בית פיגא תלמידה פארציילט:




מלכה בירנבוים נ"י פון קרית ברסלב פארציילט:



# קליין און שיין



נחמן נתן שניטצלער נרו יאיר
וויליאמסבורג




חמי זעלקאוויטש תחי' קרית ברסלב



## שיקט אריין
## א בילד
## פון אייער קינד

# טרעף

### די פאלגנדע ווערטער

## בעט דעם באשעפער וועט ער דיר געבן דער עיקר איז נישט אויפגעבן

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| צ | א | א | ג | ע | נ | ל | ה | א | ב | ג | פ | מ | ט | ס | ז | כ | פ | ר | ב | ע | ט | א |
| ש | ח | מ | ו | ס | פ | ב | ע | י | ק | ר | ז | נ | ר | ו | ר | ב | מ | ס | ר | ת | ת | ר |
| ה | י | ז | ע | י | ת | ס | ט | ז | ח | ק | י | מ | ד | מ | ו | ה | י | מ | ו | ע | ק | ו |
| ח | ע | ב | פ | א | פ | נ | ת | י | כ | א | ר | ד | ב | נ | ז | ע | ד | ד | ת | ח | ד | ג |
| ט | ז | ז | ע | ס | ו | ג | פ | ח | ב | א | מ | מ | נ | ר | ע | מ | פ | מ | ר | ח | נ | א |
| מ | ז | ו | מ | ג | ס | ו | ע | ח | פ | פ | ו | ת | י | ר | ע | פ | ע | ש | א | ב | ט | ט |
| ג | ו | ט | ק | נ | כ | ד | ש | ב | ס | ד | ק | ג | ש | מ | ת | ת | א | י | ב | כ | ל | ד |
| ת | ח | ח | י | ז | ר | מ | כ | ב | נ | ע | ס | ח | ט | ק | ז | ח | ע | כ | ד | ר | נ | ח |
| ז | י | ו | ו | ע | ט | ל | ו | ר | ה | מ | ו | ד | ר | ע | צ | ג | פ | ב | ע | א | ט | ז |
| ת | נ | ש | ט | ט | ק | ס | ש | ת | ח | י | פ | י | ע | פ | ז | מ | ס | ה | פ | ק | ו | ב |
| א | ב | ע | ז | ק | ד | ג | כ | ה | ה | מ | א | ר | ל | א | א | פ | ד | ר | ס | ש | צ | ד |
| נ | נ | ב | ע | ג | ל | ד | ק | ל | מ | ס | צ | מ | ת | א | ו | ו | ט | ח | ח | ב | ל | צ |
| כ | א | נ | ס | י | ש | כ | ק | ט | ק | מ | מ | ת | א | ב | ה | ג | א | ה | ה | ת | פ | ד |






## העלף נחמן נתן לערנען עצתו אמונה





# א שיעור מיטן רבי'ן

### אֱמֶת - חלק שני

**ב. עַל יְדֵי אֱמֶת נִתְגַּלֶּה יִחוּדוֹ בָּעוֹלָם.**

**טייטש.** דוּרְכ'ן זָאגְן אֱמֶת, וֶוערְט אוֹיפְגֶעדֶעקְט אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיף דֶער וֶועלְט.



# חידות
## אפטיילונג

דער הייליגער רבי האט זיך אויסגעדריקט אויף דעם ספר המדות, דעם ספר

א. האט מיר געמאכט פאר א איד

ב. האט מיר געברענגט יראת שמים

ג. האט מיר געמאכט לערנען

ד. האט מיר געמאכט דאווענען ערליך

**שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:**

**שאלה:** דער הייליגער רבי האט געזאגט: ווען איינער וואלט מיר געזאגט אין די יונגע יארן די ווערטער ____ וואלט איך געלאפן מיט א פלינקקייט צו דינען דעם אייבערשטן

**ענטפער:** ברודער שטארק זיך

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז
**אליעזר שלמה לעווי נ"י - קרית יואל**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | 4 | | |
| 1 | | | | | 2 |
| | | 1 | | 6 | |
| 5 | | | | 4 | 3 |
| | | | | 5 | |
| | | 3 | | | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 8 | | 1 | | | | 7 | | 6 |
| | | | | | | | | |
| 3 | 4 | | 5 | 6 | 7 | | 1 | 8 |
| | | | 2 | | 8 | | | |
| 2 | 8 | 7 | | 9 | | 5 | 3 | 1 |
| | 3 | | | 7 | | | 2 | |
| 1 | 9 | | 7 | | 2 | | 4 | 5 |
| | | 2 | 4 | | 6 | 3 | | |
| 4 | | | 9 | 5 | 3 | | | 2 |

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה

# פרשת בא?

## פון אויבן אראפ.

2. זאגט יעדן טאג כאטש איין קאפיטל, און פלעכטס אריין אייערע אייגענע _____ צום אייבערשטן

3. ווען עס איז גאר _____, איז מען זיך אינגאנצן מבטל

5. זינגען זמירות איז אן _____ אין אידישקייט

7. ווארפט ארויס אייער _____, דער טעלעפאן איז אייער שונא

8. נאר ערליכע אידן האבן _____ _____ נאר ביי ערליכע אידן האבן זיך מאן און ווייב ליב

9. וועגן אביסל האר האלט זיך אפ די _____

10. זיך פרייען שבת און האבן פארגעניגן שבת, איז מער פון פאסטן _____ טעג

11. נישט _____ מאכן פון ערליכע אידן

12. ווער עס רעדט אויף א צווייטן, איז דאס בלויז קנאה

14. בארד און פיאות, דאס וועט ענק ברענגען _____

16. ווער איז עס מכבד _____, ווערט רייך

## פון רעכטס צו לינקס.

1. נאר וואו עס איז דא _____ רוט דער אייבערשטער.

4. א מענטש וואס לערנט תורה, איז א פרייער מענטש, אן _____

6. נעם אריין דעם _____ ביי דיר אין שטוב, נעם דעם רבינ׳ס עצות דארט וואו דו וואוינסט

8. שמועסן מיט׳ן אייבערשטן, דאס מאכט א מענטש _____

12. דער הייליגער רבי נתן איז געווען א שטיק צייט ביים הייליגן _____ _____

13. א איד איז קיינמאל נישט _____, וואו מען געפונט זיך איז מען מיט׳ן אייבערשטן

15. עס איז _____ צו מקנא זיין א צווייטן, יעדער האט זיין שווערע פעקל

17. ווער עס געבט נאך און _____ זיך נישט, העלפט אים דער אייבערשטער

18. משיח וועט קומען בזכות די וואס טוען _____ פאר אידישע קינדער





# בילדער
## אפטיילונג







די ארבעט אויף די ירשלים גאס גייט אן אין פילן שוואונג







מסיבת בן גמלא אין שטעטל אין שטוב פון מו"ה יואל וועבערמאן הי"ו - א' בא







מסיבת בן גמלא אין בארא פארק ביים אפיס פון מו"ה לוי יצחק זאפיר הי"ו - ב' בא







סיום הש״ס פון הבחור דוד אסקאל נרו יאיר - ג׳ בא




דער טאטע שליט״א ביים ארויסגעבן זיין דאנק
פארן אייבערשטן




דער ראש ישיבה ביים משמיע זיין דברות קודש
לכבוד דעם גרויסארטיגן סיום הש״ס







סיום מסכת נדרים אין היכל הקודש ירושלים - ג׳ בא







הפצה פארברענג אין היכל הקודש קרית יואל 8 העיס

**חתונה אין ישיבה פון החתן תלמיד הישיבה שמעון נ"י בן מו"ה נחמן ניישטיין הי"ו מלמד במוסדותינו הקדושים - עב"ג מו"ה מרדכי אינדיג הי"ו מנהל תלמוד תורה - א' בשלח**










דער ראש ישיבה שליט"א ביים טאנצן מיט'ן חתן




דער ראש ישיבה שליט"א ביים זאגן א ברכה




הגה"צ דומ"ץ דעברעצין שליט"א ביים זאגן א ברכה




דער ראש ישיבה שליט"א ביים טאנצן מצוה טאנץ




קביעת מזוזה אין היכל הקודש מאנסי דורכ'ן מגיד שיעור מו"ה הערשל פרידמאן הי"ו - א' בשלח



הנהלת המוסדות פון מאנטיסעלאוי ביים איבערשמועסן מיט'ן ראש ישיבה שליט"א לגבי די מוסדות

# ענבי הגפן בענבי הגפן

בעזרת ה' יתברך

פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן ברכת מזל טוב פאר ידידינו
הנכבד, וואס געבט זיך אוועק טאג און נאכט צו פארשפרייטן דעם
הייליגן רבינ'ס ליכטיגקייט אויף די וועלט, בספר נכתבין, ובאוזן שומעת,
און שטייט אונז שטענדיג צו די רעכטע האנט מיט אלע סארט הילף.

## ה"ה הרב מרדכי שאול יעקב אינדיג שליט"א

מנהל תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב
לרגל די החתונה פון זיין טאכטער הכלה תחי',
מיט החתן שמעון ניישטיין נרו יאיר

## בן ידידינו הנכבד הרב נחמן ניישטיין שליט"א

מלמד תשב"ר בתלמוד תורה היכל הקודש ברסלב
וואס העלפט ארויס מיט א שטארקע געטריישאפט פאר די הצלחה
פונעם הערליכן חיבור "שפתי תפתח", פירוש ספר הקדוש לקוטי מוהר"ן
אויף אידיש, פון מורינו ראש הישיבה שליט"א.

והברכה אחת היא

## פאר די חשוב'ע משפחת פערל שיחיו

וועלכע געבן זיך אוועק ימים ולילות צו מתרגם זיין וועכנטליך די קונטרס
עצתו אמונה און נאך פילע פעולות נשגבים
לרגל שמחת קשרי שידוכין פון בנם
הבחור החשוב שמואל אייזיק נרו יאיר, עב"ג הכלה תחי',
בת הרב יוסף סאקס שליט"א
מלמד בתלמוד תורה היכל הקודש טברי'.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די זיווגים זאלן עולה יפה זיין, און עס
זאל זיין א קשר של קיימא, און די קייט פון שמחות זאל זיך נישט
אפשטעלן, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו פארפלייצן די גאנצע וועלט מיט
דעם הייליגן רבינ'ס עצות, שכל און חיזוק לויט ווי דער ראש ישיבה
שליט"א לערנט מיט אונז.

מכון עצתו אמונה
הוצאת ספרי רבינו זכותו יגן עלינו



